שנה ד'
נומער קנ"ב
**פרשת וישלח**
תשפ"ג

# קרית ברסלב



עראינערונגען ארטיקל:

**די נאסע שיף**

נייע סידור "תתחדש" ארויסגעגעבן דורך ר' הערשל ראזענבערג הי"ו:

**וואס איז זיין שייכות צו היכל הקודש?**

נייעס:

**געקויפט פרישע שטח אין שטאט אומאן**

## מלוה מלכה אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

## מוצאי שבת ויצא



פרייליכע טענץ אין ישיבה נאכן דאווענען - מיטוואך ויצא

| | |
| --- | --- |
|  **בריו פון לייענער** רעאקציע אויף די "נארמאלע" ארטיקל — 3 |  **עראינערונגען** די נאסע שיף — 5 |
|  **שטעטל נייעס** ריפלעקטאר איפוואכונג אין שטעטל — 13 |  **היכל הקודש נייעס** ר' הערשל ראזענבערג פארציילט פון זיין נייע סידור — 14 |
|  **מיט א טיפערן בליק** גיימיר טשילן? — 16 |  **ווער זענען זיי** ווער, ווען און ווי איז דאס? — 32 |


רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל אל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


זמנים Liberty

פרשת וישלח ט"ז כסליו תשפ"ג

הדלקת הנרות......... 04:09
מוצאי שבת............ 05:40
מנחה מעריב וישב ... 05:25


מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה
מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו
וזוגתו עלקא תחי'
צו די אפשערן פון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה
מו"ה אלי' מזרחי הי"ו
וזוגתו לאה תחי'
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.


| | | | |
| --- | --- | --- | --- |
| Fri 09 | 40°/27° | Partly Cloudy |
| Sat 10 | 38°/26° | Mostly Cloudy |
| Sun 11 | 38°/29° | Mostly Cloudy |
| Mon 12 | 38°/29° | Snow Showers |
| Tue 13 | 39°/29° | Rain/Snow |
| Wed 14 | 39°/28° | Snow Showers |
| Thu 15 | 38°/27° | Snow Showers |
| Fri 16 | 36°/25° | Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין



## בריוו צו די
# רעדאקציע

### נישט געווען די ערשטע חתונה

א הערליכע בלעטל יעדע וואך איינס ביי איינס.

איין הערה, איר האט געשריבן פאריגע וואך ביים בילד פונעם ראש ישיבה ווי ער גראמט אויס מוהרא"ש זי"ע ביים חתונה פון יואל לעווי נרו יאיר, אז דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס דער ראש ישיבה האט אויסגעגראמט מוהרא"ש, דאס איז א טעות, דער ראש ישיבה האט שוין געהאט אויסגעגראמט מוהרא"ש צוויי מאל פאר די חתונה, די ערשטע איז געווען ביי די חתונה פון היילפרין - פארקאש, די צווייטע ביי משפחת יאקאבאוויטש - שיק, און די דריטע איז געווען יואל לעווי.

אסאך הצלחה אין אייער הייליגע ארבעט.

יוסף שניטצלער - קרית ברסלב יצ"ו

### רעאקציע אויף די ארטיקל פון 'נארמאלע' ביי די דמיונות אפטיילונג.

קודם וויל איך מיך באדאנקען פאר אייער הערליכע אויסגאבע, מיט אזויפיל רייכע ארטיקלען דערין.

עס האט זיך שטארק אנגעזען אז עס האט געפעלט די צוויי אפטיילונגען וואס איך ווארט שוין אויף דעם א גאנצע וואך "צום פינטל" און די הערליכע "שבת טיש ביים ראש ישיבה שליט"א" איך האף אז איר פלאנט נישט אז
ע ס

זאל בלייבן אזוי פערמאנענט, עס איז נאר א דורכגאנג.

אבער איך האב מיך מחזק געווען מיט די ארטיקל פון דמיונות פון 'נארמאלע' ווי איז דער ארטיקל פון פאריגע וואך עולה על הכל, אזויפיל שכל מיט אזויפיל הומאר, זייער שיין געגעבן א קליינע שנייד אריין אינעם 'נארמאלער' מענטש, און ער זוכט דעם 'וועד' וואס זענען ממונה אז מענטשן זאלן בלייבן 'נארמאל', און חתונה מאכן נארמאל, ביי די חלק ווי ער לייגט אראפ די טערעפי, דארט האב איך נישט געקענט אויפהערן לאכן, איר דארפט שרייבן ביים ארטיקל אזוי ווי מען שרייבט אויף די שפילצייג וואס האט קליינע שטיקעלעך דערין, עס איז דא א "טשאוקינג העזערד" סכנת חנק, איך האב מיך כמעט געשטיקט פון געלעכטער, איין זאך נאר, איך האב געמיינט אז ער גייט ענדיגן אז דער טערעפיסט האט אים אראפגעברענגט זיין טאטן אין עולם הדמיון, און דער טאטע האט אים געגעבן א פראסק, נו! דו קענסט דיך אויפהייבן און אנטלויפן פון דעם צודרייטן טערעפיסט.

עס האט מיך דערמאנט פונעם מעשה פון יענקל פראנק ימ"ש וואס האט אראפגעברענגט מיט שמות הטומאה די טאטע און מאמע פון איינע פון די צדיקים, ווער ווייסט אפשר איז עס געווען כח הדמיון, כח הטערעפי, ליגט דען נישט קיין כחות הטומאה אינעם פארשאלטענעם טערעפי וואס האט שוין פארשניטן אזויפיל שטובער.

שכח נאכאמאל.

ש. וו. קרית יואל



בס"ד


איך האב
העדלייטס
מען זאל
מיך זען
ר' איד גייט
מיט א
רעפלעקטאר
אז מען זאל
אייך זען



משה ארי' שניטצלער

## עראינערונגען

# די נאסע שיף

לעצטע מאל האב איך אביסל געשריבן פון די ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס איך האב געענדיגט א מסכתא.

איז מיר ארויף געקומען אויפן זכרון נאך שיינע זיסע זאכן פון יענע תקופה פון פינף און צוואנציג יאר צוריק, ווען איך בין געווען פריש ניי צום פראקטישן צוקער'דיגן דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן.

מיינע זכרון קעמערלעך פירן מיך צוריק צו מיין ערשטע סיום פון ששה סדרי משנה.

געווען איז דאס תיכף נאך מיין חתונה.

די ערשטע זומער נאך מיין חתונה זעמיר געווען אין א פלאץ אין וואדרידזש, מיין ווייב האט געפירט די דעי קעמפ, ס'איז געווען א שיינע פלאץ מיט פיינע געשמאקע אינגעלייט. כ'געדענק, ס'איז געווען דארט א אינגערמאן וואס האט כסדר געלערנט אינ'ם הייליגן ספר מגן אברהם פון טריסקער מגיד זי"ע, און נאך ספרים וואס ער האט זיך ספעציעל ארייגעלייגט דערין. הלואי זאל איך נאך אמאל דורכלערנען דעם מגן אברהם......

יעדע מאל איך פאר דארט אויף גלען ווילד ראוד, דערמאן איך זיך פון יענע געשמאקע זומער. אונז זעמיר געווען שנה ראשונה. ווען איך דערמאן זיך צוריק, דאנק איך דעם אייבערשטן אז ס'איז דא א ברסלב'ע חדר וואו מ'לערנט אויס פון קינדווייז אויס אז "מיין ווייב קומט מיר גארנישט" "אלעס וואס איך האב אין לעבן איז א מתנה פון באשעפער" "מכיר טוב זיין פאר די ווייב אויף יעדע קליינע זאך וואס זי טוט פאר מיר" "ברוך השם איינער קאכט פאר מיר, איינער רוימט מיין הויז, איינער וואשט מיינע וועש" און אזוי ווייטער.

איך אלץ א כולל אינגערמאן האב גענומען א שטיקל זייטיגע ארבעט צו העלפן מיט קינדער פון די פלאץ במשך די זומער וואכן.

גראדע האב איך געהאט דארט א שרעקעדיגע עקספיריענס, צוזאמען מיט די קינדער וואס זענען געווען אונטער מיין אויפזיכט. די קאשמארנדע מאמענטן גייען נישט ארויס פון מיין קעפעלע. און איך דארף טאקע דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב עס דורכגעמאכט בשלום.

איין טאג האב איך גענומען די קינדער אויף א הייק אין וואלד, די חברים האבן געזאגט אז יענע וואלד איז א קליינע פלאץ און ס'האט א אויסגעטראטעטע וועג.

אבער למעשה האב איך פלוצלונג געזען אז איך בין אינמיטן וואלד און איך זע נישט קיין וועג ארויס!

א שוידער איז מיר אדורך די ביינער!!!!

איך שטיי דא מיט קינדער אליין אין וואלד!

וואס טוט מען?!

דער הייליגער באשעפער האט רחמנות געהאט אויף מיר און דריי זאכן זענען ארויף אויף מיין געדאנק:

איינס, איך קען נישט בשום אופן דערלאזן אז די קינדער זאלן זען דאס מינדעסטע שרעק אויף מיר! איך מוז שפילן א זיסן שפיל! אלעס איז אין בעסטן ארדענונג!!!

צוויי, איך מוז טון די עצה וואס מ'זאגט אלץ אין ברסלב "רעד צום באשעפער". ברסלב איז דעמאלטס געווען גאנץ ניי פאר מיר, ס'איז געווען א נאוועלטי, יעצט מאך עס אויס נאוועלטי' און בעט זיך ברחמים אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן, ווייל דער מצב איז נ-י-ש-ט גוט!

די דריטע זאך וואס איז דעמאלטס אריין אין מיין מח איז זייער אינטערעסאנט, מ'זעט אפן

אז דער אייבערשטער גרייט אלץ אן די רפואה פאר די מכה. ווייל כ'האב אמאל געהערט אז ווען א מענטש איז פארלוירן אין וואלד מוז ער וויסן איין זאך, און אויב ער וועט דאס טון וועט עס אים ראטעווען און אויב נישט וועט ער מעגליך אפשר פארפאלן ווערן חס ושלום. וואס איז די זאך? די זאך איז אז ער מוז גיין גראד! נאר גראד! דאס וועט אים ראטעווען! אויב וועט ער זוכן זיין וועג ארויס דורך זיך "דרייען" דא און דארט איז ער פארטיג.

עס איז ממש פלאי פלאים אז איך האב עס געהערט אלס קינד, און ס'איז מיר יעצט אריין אין קאפ. און דאס האט מיר ברוך השם געראטעוועט אין צייט פון נויט.

אבער געוואלד, ווי אזוי גייט מען גראד? ס'איז דאך נישט דא א וועג! ווי אזוי ווייסט מען די "גראדע" וועג?

האב איך געהערט דעמאלטס אלץ קינד אז די איינציגע וועג איז צו קוקן אויף די זון, אדער ביינאכט אויף די לבנה, און דאס איז די וועג וויזער צו האלטן דעם מענטש צו א גראדע ליניע.

האב איך אנגעהויבן צו טון די עצה און געגאנגען גראד. נאך א שטיק וועג זעמיר אנגעקומען צו א פלאץ וואו די ערד איז געווען זייער שיף אויף ארויף, כמעט ווי א גראדע וואנט, מ'האט געדארפט ארויף קלעטערן א גוטע פיר פינעף פיס, כ'האב געציטערט אז די קינדער וועלן עס נישט מאכן, און מ'וועט מוזן אביסל בייגן די וועג און שפעטער גיין ווייטער נאכאמאל אין א גראדע וועג, אבער דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט, כ'האב געבעטן "הייליגער באשעפער, איך בעט דיך נעם מיך ארויס פון דא בשלום", און ס'איז געשען א נס אז אלע קינדער האבן עס דורכגעמאכט.

אזוי ווי מ'קום מיר ארויף אויבן, מ'הייבט אן צו גיין אביסל ווייטער מיט די גראדע ליניע, נעמענדיג די זון אלץ וועגווייזער, זע מיר דאס אומגלויבליכע! א הויז! מ'מאכט פארשריט!

אבער גלייך קומט ארויס א מענטש און הייבט אן צו שרייען! וואס טוט עטץ דא! פרייוועט פראפערטי! איך בין געווארן דערציטערט וואס זיי קענען דא טון צו מיר!

אזוי ווי איך טראכט וואס צו זאגן, געב איך א קוק, און איך זע אויף די אנדערע זייט א ראוד מיט קאר'ן!!! צו מיין שמחה איז נישט געווען קיין גבול!!! איך האב זיי עפעס געמורמלט אז איך דארף זיין דארט אויפ'ן ראוד, און זיי האבן מיך געלאזט אוועק גיין ברוך השם.

אזוי גייענדיג אויפ'ן ראוד פארט דורך א קאר פון איינע פון די אינגעלייט און זאגט מיר, געוואלד! מ'זארגט זיך פאר ענק! וואס איז די מעשה?!

מ'האט געברענגט נאך צווי דריי קאר'ן און אונז צוריק געפירט.

די מאמעס זענען דארט געשטאנען מיט צאפלדיגע הערצער און נישט געקענט פארשטיין וואס אזוינס איז דא פארגעקומען, ס'איז געווען פיינע פרישע קרעפטיגע שמאלציגע בזיונות.......

צוריק צו מיין משניות סיום......

(ס'איז דא גאנץ פיינע אנעקדאטן פון יענע זומער, אבער איך וויל נישט פארקריכן)

צווישן די זאכן וואס איך האב מיטגעברענגט איז געווען א ליקוטי תפלות, מיט א ליקוט ספר אויף די נסיעה קיין אומאן אויף ראש השנה. כ'האב געהאט א טעיפ רעקארדער און איינע פון די טעיפס איז געווען פון שיינע ברסלב'ע ניגונים, כ'האב געהערט יענע טעיפ אפשר א מיליאן מאל...... כ'האב דעמאלטס ליב געהאט יעדע זאך וואס האט עפעס א שייכות מיט ברסלב (היינט האב איך ליב די זאגן משניות פון ברסלב, און די רעדן צום אייבערשטן פון ברסלב, די ניגונים גייט מיך נישט אן, יא יא, ניין ניין, )



כ'האב אויך געהאט דארט די באקאנטע קליינע בלויע משניות פון הוצאת אשכול, דריי בענדער.

פון וואו האב איך געהאט די משניות?

וואס הייסט פון וואו? פון דאראג'ער רב!

ס'איז געווען דעמאלטס א באקאנטע זאך איבעראל אז ס'איז דא א חשוב'ער רב וואס טיילט א סעט משניות לכל מאן דבעי! חנם אין כסף! זיין נאמען איז געווען הרב הגאון ר' צבי ציטראן ז"ל, דאראג'ער רב, א גאר גרויסער באקאנטער תלמיד חכם, יעדער האט געקענט באקומען א משניות אומזיסט!

איך בין געווען ביי אים, ער

האט מיך אויפגענומען אויסנאם שיין, געשמועסט אפאר מינוט מיט מיר, און איך בין ארויס מיט א סעט משניות אשכול!

אונזער טייערע חבר מנשה איצקאוויטש נ"י, זע איך אלעמאל אויך מיט די קליינע בלויע אשכול משניות. איך וואלט געווען נייגעריג צו הערן צו מנשה האט עס אויך פון דאראג'ער רב.

איך האב מיך נישט געקענט שיידן פון די משניות, למען האמת מוז איך דא זאגן אז איך האב נישט געזאגט אסאך משניות יעדן טאג, אבער כ'האב פרובירט צו גיין ווייטער און ווייטער די מערסטע וואס איך קען.



פאר'ן ענדע זומער האבן מיר אפגעמאכט, איך און מיין ווייב, אז מ'גייט גיין אביסל "שפאצירן מיט די קאר"…. און טאקע לארכה ולרחבה פון די גלילות ד'ניו יארק רבתי דיתבי על כיף נהרא ד'האדסאן. מיר האבן געמאכט צווי טריפ'ס, איין טריפ קיין פענסילוועניע, ארויסגעפארן מוצאי שבת און צוריק געקומען מאנטאג (מיר האבן געוואלט צוריק קומען זונטאג שפעט ביינאכט, אז מ'זאל קענען זיין מאנטאג צופרי אין דעי קעמפ, אבער ס'האט אזאנס געדרעגנט אז מיר זענען געווען געצווינגען צו סטאפן אונטערוועגנס אין א האטעל, זעמיר צוריק געקומען מאנטאג, איך געדענק דעם זעלטענעם שלאקסרעגן ביז יעצט)

אונז זעמיר געפארן דארט אין פענסילוועניע אויף די הויכע טרעין, דארט וואו מ'קוקט אראפ און מ'זעט די ריזיגע פאבריק.

די צווייטע טריפ איז געווען קיין ניאגארא פאללס.

דארט אין נייאגארא פאללס, איז דאך דא די באקאנטע שיף וואס רופט זיך "דהי מעיד אוו די מיסט".

די חלומות טרייבער פארציילן עפעס א באבע מעשה פון איינער וואס איז געווארן געראטעוועט פון די טיפע וואסערן דארט אויפ'ן ארט, און אויף דעם ארויף האט מען קורא שם געווען די שיף "די מעיד אוו די מיסט" על שם ה'באבע מעשה שלא קרה ולא שנה.

פרעגטס מיך נישט אויב די באבע מעשה איז קראנט ווייל איך בין נישט געווען ביי די מעמד קריאת השם.

שטיי מיר אזוי אין די ליין צו גיין אויפ'ן שיף וואס דערנענטערט זיך אזוי נאנט צום וואסער פאל אז די גאנצע לופט ארום די שיף פאר עטליכע מייל איז פאר"מיסט"עוועט ("מיסט" אויף ענגליש…… דאס מיינט א קאלטע פארע….. אזוי ווי עס דריזלט נאך א רעגן, די לופט איז נאס און קאלט)

אויף דעם ארויף רופן זיי עס די מעיד אוו די מיסט, על שם ה"מיסט".

אלע אויפן שיף גייען מיט א פלעסטיק רעגן קויט, ווייל אז נישט טרעפט מען זיך דורכגעווייקט נאס פון די אומבאשרייבבארע פארע וואס די מעכטיגע וואסערפאל געט ארויס.

דאס איז נישט קיין וואסערפאל וואס מ'זעט דא ביי'ן אונז אין מאנטיסעלא והגלילות…… מ'רעדט דא פון די סאמע גרעסטע וואסער פאל פון גאנץ נארט אמעריקע!

דו קענסט דיך פארשטעלן ווי ס'פלאטשקעט אראפ פון צוואנציג שטאק הויך א גאנצע מקוה!!! יא! גאנצע טויזנט קוביק פיס וואסער!

די אוממענטשליכע כח פון די נייגערע פאללס שליידער'וועט אראפ גאנצע צוויי טויזנט מקוואות יעדע סקונדע!!! יא! סקקקקקקונדע!

אזוי איז עס גאר קיין וואונדער נישט אויף די שטענדיגע נאסע לופט וואס איז פארשפרייט אויפ'ן גאנצן ארום. אזוי שטיי מיר אין די ליין מיט די רעגן קויט און איך נעם ארויס פון מיין בעק טאש מיין באליבטע משניות. איך זאג נאך אביסל און נאך אביסל, מ'זעמיר שוין אויפ'ן שיף, איך האלט שוין ביים סוף!!! נאך איין פרק!! נאך איין פרק און איך גיי דעם ערשטן מאל אין מיין לעבן ענדיגן ששה סדרי משנה!!!!!

וואס זאל איך זאגן! נישטא קיין ווערטער צו באשרייבן וואס איך האב דעמאלטס געפילט!!!

אבער איין זאך קען איך ענק זאגן! אויב דער ראש ישיבה זאגט אז א פרוי וואס זעט אז דער מאן לערנט קוקט זי ארויף אויף אים און ער ווערט חשוב און טייער אין אירע אויגן זאלט איר אים גלייבן!!!!

און אז דער ראש ישיבה זאגט אז ווען א קינד זעט דעם טאטע'ן לערנען, וועט ער אויך לערנען זאלט איר אים גלייבן!!

און אז דער ראש ישיבה זאגט אז ווער ס'זאגט משניות האט נישט קיין צייט זיך צו קריגן מיט זיין ווייב, זאלט איר אים גלייבן!

בית המדרש היכל הקודש
בנשיאות מורינו ראש הישיבה שליט"א
עיה"ק ירושלים תובב"א

# ברכת מזל טוב

משגרים אנו בזאת

קדם ידידינו הנכבד איש חי ורב פעלים
איש אשר רוח בו, נוח לשמים ולבריות,

## מוה"ר יצחק שמואל פרענקיל הי"ו

מגבאי וממייסדי בית מדרשינו וקהילתנו הק'
בעיה"ק ירושלים תובב"א

**ולנות ביתו החשובה תחי'**

## לרגל שמחת נישואי בתם תחי' עב"ג

למזל טוב ובשעטו"מ

**עם בן ידידנו הרה"ח ר' מרדכי גראמאן שליט"א**

יהא רעוא מלפני אבינו שבשמים
שיעלה הזיווג יפה בכרם בית ישראל
ויזכו לרוות רב נחת דקדושה מהם ומכל יוצאי חלציהם
מתוך שמחה ונחת והרחבת הדעת

המברכים

**מתפללי בית המדרש היכל הקודש ירושלים**
הנהלת המוסדות

# האלט אייך געשפאנט

## מעמד
# סעודת ראש חודש
## מיט די ראש ישיבה

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

אלץ הכרת הטוב פאר מנדב זיין
פאנטאסטישע סכומים לטובת כוללינו




# צום פינטל.

## דאס נישט געזאגטע ווארט

אין צוזאמענהאנג מיטן רעקארד ברעכענדיגער קלענסטן "צום פינטל" וואס איז (נישט) ערשינען פארגאנגענע וואך, וואס וועט אויף דערווייל אריינגיין אין די היסטאריע, זינט דאס אנהייב פון די ערעפענונג פון דעם אלעמען באליבטן הערליכער קאלום, צו זיין דער סאמע קלענסטער ארטיקל. זענען געהערט געווארן פארשידנארטיגע רעאקציעס, אזש פון דעם אליין קען מען מאכן א שיינע שטויס פון ארטיקלען.

מאנכע האבן עס צוגעשטעלט צו דעם באקאנטן עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט אינעם ארטעק-טעקט-ארקיקטל יוניווערזיטעיט אין באסטאן מאסעטשוסעס (נעוואדע... נישט ווייט פון יוטא...) ווען דער לערער האט אויסגעטיילט בלייען פאר די סטודענטן וואס טוען זיך לערנען די קונץ פון מאלעווען, יעדער זאל פרובירן ניצן זיין אייגנארטיגקייט און אויסמאלן אויפן פאפיר עפעס ארטיסטיש, דער לערער זאל קענען זען ווי יעדער שולער האלט אויף דער וועלט, אין עולם ה'ארט.

די זייגער האט שוין געוויזן אז די צייט - וואס יעדע שולער האט געהאט צו צייכענען זיין בילד - איז שוין פארביי, שורה'ווייז האבן זיך אלע שולער'ס אויסגעשטעלטביים טיש פונעם לערער יעדער מיט זיינע פריש געפארטיגטע "ארט"יקלען, וואס זיי האבן באוויזן צו צייכענען, גרייט עס באווייזן פאר דעם קלאס אנפירער.

ביי איין סטודענט האט זיך געשאפן א אומאנגענעמע סענזאציע, ווען דער לערער האט איבערגענומען דאס צעטל פונעם סטודענט, א מינע פון אומצופרידענהייט האט זיך באוויזן אויפן געזוכט פונעם לערער, דער שולער האט געברענגט א... ליידיגע פאפיר. מיט א שארפע בליק, אן קיין ווארט, געבט דער לערער צוריק דאס ליידיגע בלאט פארן סטודענט, אויפגעברויזט, מיט א שטרענג פרעגנדע פנים, געבט ער א ווינק, ווי צו פרעגן... וואס איז דאס? די אנטווארט האט נישט געשפעטיגט צו קומען: "דאס האב איך געמאלן..." - קומט די רעאקציע פונעם יונגן שולער - "דאס איז א קינסטליכער געמעל פונעם מעמד פון 'קריעת ים סוף'...", און ער שפינט ווייטער זיין אנטווארט אויף זיין אומפארשטענדליכע אויפפירונג: "איר זעט..." ווייזט ער אויפן ליידיגן פאפיר: "אט-א דא איז דער ים סוף..." מען קען עס פשוט נישט זען אויפן בילד... פשוט... ווייל עס איז דאך געשפאלן צו די צוויי זייטן פונעם פאפיר..."

"די אידן ווייטער - זעט מען שוין אויך נישט אויפן בלאט, ווייל זיי זענען דאך שוין אריבער צום אנדערן זייט ים..."

"און די מצריים - זיי שטייען נאך געשטראנדעט ביים מערב ברעג פונעם ים סוף... זיי האבן נאכנישט עספיעט אריינצוטרעטן אינעם בילד בכלל..." איז דאס נישט א הערליכער 'שטיקל' ארט... אדער בעסער געזאגט איז דאס נישט עפעס א הערליכע **ארט'שט'יקל**?

טייל האבן עס גאר צוגעשטעלט צו דאס וואס דער הייליגער רבי זאגט אינעם הייליגן ספר **'סיפורי מעשיות'**, דער הייליגער רבי ברענגט ארויס אז א שווייג איז גאר א שטארקע **'מיעוט המחזיק את המרובה'**, "א שווייג" איז אזוי קליין און נישטיג, ניטאמאל הערט מען עס, ניטאמאל זעט מען עס, אבער עס האלט אין זיך אזויפיל... אזויפיל..., אמאל קען מען הערן דעם אויסדרוק פון מענטשן: "זיין שווייגן האט אפגעהילכט מיט אזעלכע באנומענע קולות..., אזש ווער עס האט דאס געהערט האט עס אים ממש געלעכערט די אויערן...!"

ווי קען דען זיין א שענערע זאך ווי שווייגן, **'מילה בסלע'** - זאגן אונז די הייליגע חכמים - **'שתיקה בתרי'**, אויב דאס ארויסגערעדטער ווארט האט א חשיבות, אז פאר א ווארט וואלט מען געדארפט באצאלן איין סלע, דאן פארן נישט ארויסגעזאגטן ווארט - דאס שווייגן - וואלט מען געברויכט

באצאלן צוויי סלעים, אין אנדערע ווערטער א שווייג איז אלעמאל ווערד טאפלט פון רעדן.

ווי שטארק דאס געזאגטע ווארט איז, איז דאך אבער דאס נישט זאגן דאפלט שטארקער.

וואס ברויכט איר מער א ראיה, מער פון די פאריגע וואך ארטיקל, אזא שווייג...! און געבט א קוק, עס האט געברענגט א פלייץ פון רעאקציעס וואס האט געבראכן יעדן פריערדיגן רעקארד.

אנדערע זאגן גאר פשט אינעם פאריגע וואכעדיגען ארטיקל, אז דאס איז גאר א 'יארמער רב' סטיל ווארט, וואס איז די ווארט? איז הערט: אמאל איז ר' יענקל מילער געווען ביי א שמחה האט ער געזאגט דארט: איך וועל אייך זאגן א ווערטל וואס איר האט נאך קיינמאל בעפאר נישט געהערט, און דער עולם ווארט, און עס איז שטיל... און מען ווארט... ביז מען האט געכאפט, אוי האט דער עולם געלאכט פונעם געלונגענעם וויץ פונעם שטיל שווייגעניש... און ר' יענקל געבט א ענדיג צו: "נו וישמחו כי ישתוקו..."

אבער אנדערע האבן נישט אזעלכע טיפע השגות, אנדערע זאגן פשוט - און געוועונטליך פשוט איז די מערסטע אויסגעהאלטן - זיי זענען עס מסביר מיטן ניגון, איר קענט דאך דעם ניגון... "אאה! גוט ווארט, לא לא לא לא לא אאה! גוט ווארט...", דו הערסט דעם קרעכץ פונעם אהה! אוי ווי שווער איז צו זאגן א גוט ווארט, אזוי שווער ארויסצוברענגען אויף די לעפצן א גוט ווארט, און ווי שווער עס איז, אזוי וויכטיג און טייער איז דאס. און ווער ווייסט אפשר צוליב דעם איז דאס אזוי שווער ארויסצוגעבן, ווער וויל דען ארויסגעבן אזא טייערע אייטעם - א יקר המציאות, א קורצע זאץ וואס האט נישט קיין שאץ - פון זיין באזיץ... ווער ווייסט?! אפשר?! למיחש מיהא בעי.

מען קען מאכן א גאנצע ליסטע וואס א גוט ווארט טוט אלס. און א דאפלט גרויסע ליסטע פון דאס פארקערטע, וואס א (...) שטילקייט אין די פלאץ וואס מען וואלט ווען געקענט אריינלייגן דארט א גוט ווארט, וואס דאס נעמט אוועק, דאס איז דאך ווי סערווירן ביים וואכנאכט א גלאז ווארימע ביר אין א האט קאפ...!

אדער ווי... הממ עס פעלט מיר נישט איין די ריכטיגע ווערטער, צו דעם וועט מען האבן הילף פון אונזער גוטזאגער און גוטשרייבער ר' משה ארי' זאל טרעפן די פאסיגע צושטעלן דערצו...

אפשר ווי א אויסגעוועפטע ווארימע ארנדזש סאדא אין א פארגעלטן זילבערנעם בעכער (עס שפירט זיך די מייסטערהאפטיגע געמיש פון טעמים, די טעם פון זילבער... אויסגעמישט מיטן טעם פונעם זילבער-פוץ... מיטן טעם פון אויסגעוועפעכץ... מיטן טעם פונעם ווארימען... אראנדזש סאדא... ווער ווייסט אפשר וועט נאך זיין אמאל צו באקומען לכתחילה אזא פלעיוואר, און די 'נארמאלע'... אוי... צו דעם דארף מען דאך שוין אריינברענגען הילף פון אונזער לאנדענעם שרייבער... אוח איז דער א פיינער מבין אויף די 'נארמאלע'... און די נארמאלע וועלן זאגן: דאס?! דאס איז דאך גאר פיינע נייעס... עס וועט זיין אזא סאדא בטעם סערווירט ביי אלע 'נארמאלע' חתונות, נאכדערצו אין ארץ ישראל וואס איז ארץ הצבי, און טעם הצבי כטעם ה... אלעס איז דארט בטעם... אפילו די אומבא'טעמ'טע איזראעלישע ראבאנוט איז איז ראבאנוט מטעם...)

על כל פנים...? על כל פנים...!

ווי האלטן מיר דא? אה דא האבן טייל געוואלט זאגן פשוט פשט אויפן ליידיגן 'צום פינטל' פון פאריגע וואך, אזא טעם האט ווען מען האלט איין דאס גוט ווארט אין זיך און מען זאגט עס נישט ארויס, דער שווייג מאכט אז דער גוטער מעלער/רעדנער/שרייבער זאל אויך געבן א שווייג! אפשר?!

**פארזעצונג קומט אם ירצה השם... נאך די וואך**

און וואס זאל איך אייך זאגן טייערע ליינער קיינער פון זיי האבן נישט צוגעטראפן, אין פרינציפ אבער זענען זיי אלע גערעכט. אן ארטיקל איז נישט ערשינען פאריגע וואך ווייל דער אייבערשטער האט נישט געגעבן פארן שרייבער די צייט, קאפ און מח דאס צו פראדוצירן, אבער די נקודות וואס זיי האבן ארויסגעברענגט זענען אלע יסודתם בהררי... בהיכל הקודש.

ווי שיין איז געווען די ווערטער וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט פאריגע וואך... פאריגע וואך? ער האלט דאס אין איין זאגן: "האב שכל" לויטעט די חיזוק יומי ציטירט פונעם שיעור פון דאנערשטאג פרשת בראשית, "אז דיין שווער האט אלעמאל עפעס צו זאגן, מען טוט נישט אזוי, מען מאכט נישט אזוי, אזוי האלט מען די בעכער, די ברילן דיינע זענען מחויב בציצית, עס איז דאך פיר קאנטיג...", דער ראש ישיבה רעדט דארט אזעלכע וויכטיגע ווערטער, אויב ביסטו א נישט-געפארטיגטער (איך וויל נישט ניצן די לשון קודש'ע ווארט וואס מען ניצט געוועונטליך דערויף...עפעס מיט חולם גימל וכו') אויב דו האסט חתונה געהאט, ארויסקומענדיג פון א פלאץ ווי מען האט דיך געלערנט אז דו מוזט האבן ס'לעצטע ווארט, יעצט וועסטו דיך אנרופן א ווארט צו דיין שווער, אדער וועסטו שטעכן דיין ווייב מיט א ווארט קעגן אירע עלטערן, איך האב פאר אייך נישט אזעלכע גוטע נייעס, עס קען גאר טאקע זיין אז דאס וועט זיין דאס לעצטע ווארט דיינע, אין דיין חתונה געהאטע לעבן, און אפילו נישט וועט עס אבער זיכער איבערלאזן אזא אויבנדערמאנטער זויערער טעם אין שטוב.

אוי ווי וויכטיג איז צו פארשפרייטן פאר מענטשן דאס ביסל שכל, עס איז דאך א ליכטיגקייט וואס קען פארשפארן

אזויפיל, איז דען דער שווייג נישט א מיעוט המחזיק את המרובה, לאמיר מאכן א קליינע ליסטע, זען וואס דער איין איינציגע קליינע שווייג ערהאלט אין זיך.

"דיין טאטע איז א..." שוין! דאס איז די ווארט וואס איז ארויסגעקומען אן טראכטן, אין רעאקציע צו די ווארט וואס איז געזאגט געווארן דורך דיין שווער אויך אן טראכן. און עס קומט זיך אים סאך מער, אזוי מיר צו דערקוטשענען די יארן, ווער רעדט נאך אז ער האט אריינגעקלאפט אין דיין שטוב דיך אויפוועקן פון שלאף צו סוף זמן קריאת שמע, יא! גערעכטערהייט, אבער דאס ווייטאג קריכט אריין אין איר/זיין הארץ אריין... פון דארט אין ווייטער שלעפט מען זיך צום שלום בית מאכער, צום טערעפיסט, און פון דארט צום אנדערן טערעפיסט, און פון דארט צום אנדערן שלום בית מאכער, און פון דארט צום אנדערן טערעפיסט... איר האט צייט? איך קען מאכן קאפי פעיסט א גאנצע נאכט... פון דארט צום אנדערן שלום בית מאכער, און פון דארט צום אנדערן טערעפיסט... און ווי אזוי ענדיגט זיך עס, מיט א סעפערעישן וואס די גאס האלט מיט אדער מיט א סעפערעישן אין שטוב וואס די גאס האלט נישט מיט, אזא הויז ארעסט סטייל, א הויז-גט רחמנא ליצלן.

וויפיל האט דאס געזאגטע ווארט אפגעקאסט, און וויפיל קאסט עס נאך היינט, מיט די טראפל שכל... וואס דו האסט נישט, וויפיל עגמת נפש, וויפיל צער, וויפיל געלט האט דאס געקאסט.

און עס ענדיגט זיך נישט ביי דעם, גיי צום קומענדיגן דור... דער קומענדיגער דור וועט נישט זיין אפגעריקט, די קינדער נעבעך וואס קומען נעבעך פון א שטוב נעבעך וואס די עלטערן נעבעך זענען נעבעך נישט אויפן זעלבן בלעטל, עס קומט נאך פיל מער "נעבעכ'ס" דא, דיין שטוב איז ווי דער הערליכער בילד פון קריאת ים סוף, אבער דער טאטע איז נאך פאראהאנקערט מיט זיין גערעכטיגקייט, די מאמע איז שוין אריבערגעלאפן דעם ים, און די קינדער נעבעך... אויף זיי קוקט מען בכלל נישט, זיי קומען בכלל נישט אריין אין בילד... זיי זענען צושפליטערט און צעשפאלטן צווישן די צוויי עלטערן... מען זעט זיי שוין נישט. און אלעס האט זיך אנגעהויבן וועגן דעם איינעם ווארט וואס איז געזאגט געווארן מיט דעם טראפ שכל... נישט מער ווי א טראפ שכל...

נו וויפיל איז דאס מער ווערד פון א שווייג? איך ווייס נישט, דו מאך די חשבון וויפיל דאס געזאגטע ווארט האט דיר שוין אפגעקאסט, איך רעד נישט פון געלט, איך רעד ביז נפשות. איין שווייג אוי! דאס ביסל שכל ווען דו האסט ווען צו געבן דאס שווייג וואלסטו דאך געוווען דער גליקליכסטער מענטש אין די וועלט, "דער שווייג איז דאך א אומשאצבארער אוצר".

און פון די אנדערע זייט דאס גוט ווארט איז ווייטער ענדלעס"ס, עס האט נישט קיין שאץ, דאס גוט ווארט וואס עס ווערט יא געזאגט פאר איר, פאר אים, פאר דיר, פאר דעם, פאר ער, פאר שוויגער, פאר שווער, נישט קיין חילוק ווער, דאס גוט ווארט, און דווקא טאקע דאס פאלטשע גוט ווארט... יא יא! טאקע יענע וואס דו האלטס דיך איין פון זאגן ווייל עס קומט זיך איר/אים נישט... און יא! יענע וואס עס קומט נישט דא אריין... די נישט ערליך פארדינטע אוי! אאהה גוט ווארט.

אוי ווען דאס שלעכט ווארט וואלט געהאלטן געווארן אין בויך, און דאס גוט ווארט וואלט געקומען במקומו, צוויי קליינע **מיעוט** א קליין ווארטל וואס זענען **מחזיק את המרובה**, אזוי אזוי אזוי פיל פאר דיר, אזוי אזוי אזוי פיל פאר דיר און פאר דיינע דורות.

****

אוי האסטו מיך גוט צובראכן יעצט, ממש אין פינטל אריין, איך בין דאך דער אן די שכל, איך בין דאך דער וואס האט שוין אזוי פיל מאל פארפאסט די געלעגנהייט פון זאגן דאס גוט ווארט, און איך וועל עס ווייטער פארפאסן, איך קען נישט, איך קען נאר פליקן, שטעכן, בייסן, רייסן, איך האב שוין געוואלט אראפלייגן די ארטיקל אינדערמיט, סתם צוברעכן א מענטש?? איך קען מיך נישט טוישן דאס בין איך, א שכל'לאזער פארשוין! אה! איך האב פאר דיר א סוד אדם פרא יוולד, מיר אלע זענען געבוירן חיות טורפות, און טאקע אן רעדן צום אייבערשטן זענען מיר אלע אינעם זעלבן שיף.

און אז מיר בעטן - נישט איין מאל - נאר מען בעט און בעט און בעט, איך קען מאכן קאפי פעיסט, בעט און בעט, נישט קיין גרויסע זאכן פשוטע דיבורים "**אייבערשטער, טאטע, רבונו של עולם, איך בין דאך אזא קליינקעפלדיגער מענטש, פליז פליז אייבערשטער גיב מיר אביסל שכל, איך וויל נישט צו'הרג'ענען מיך, איך וויל נישט צו'הרג'ענען מיין שטוב, פליז איך בעט דיך אייבערשטער העלף מיר אז איך זאל נעמען א גליון, א נומער, הערן א שיעור און נאך א שיעור פון א צדיק וואס קען מיך טוישן, גיב מיר שכל אז עס זאל מיר פאסן צו האבן שכל**".

אה! ווען זען ווי זאכן וועלן אנהייבן זיך צו רוקן, אבער... ווארט נישט קיין איין מינוט, טו עס שוין, א ווארט צום אייבערשטן "**אייבערשטער העלף מיר, גיב מיר שכל, איך זאל גיין צו א פלאץ וואס געבט מיר שכל, און קיינמאל נישט קלוגער ווערן און אנטלויפן פון א פלאץ וואס געבט מיר שכל**".

ווען סטו שוין איינמאל זען, ווי פלוצלינג קומען גוטע ווערטער, און פלוצלינג הערן זיך אויף די נישט גוטע ווערטער.

**נו וואס טאקע פשט אז פאריגע וואך איז נישט געווען קיין ארטיקל?!**

# שטעטל נייעס

## ריפלעקטאר אויפוואכונג אין שטעטל



פארגאנגענעם וואך האט פאסירט אין מאנסי א טראגעדיגע ווען א קאר האט אומוועלנדיג אראפגעקלאפט א פרוי, נישט באמערקענדיג צוליב די טונקלקייט פון די נאכט, דאס האט אויפגעשאקעלט די אידישע וועלט צו זיין פארזיכטיג צו גיין שטענדיג אין די נאכט שעות מיט רעפלעקטער כדי די קארס אויף די וועגן זאלן באמערקן דעם פיסגייער, דער ראש ישיבה איז אונז שטענדיג מעורר מען זאל זען צו גיין מיט ריפלעקטארס, נאך דעם פאסירונג האט דער ראש ישיבה נאכאמאל געפאדערט פונעם עורך הבלעטל מען זאל פרישע מעורר זיין דעם מען זאל זען אנבאדונג צו גיין אין שטעטל מיט א ריפלעקטאר סיי די מענער און סיי די פרויען, דאס איז ממש סכנת נפשות.

ביים שיעור ליל ששי האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם טראגעדיע און געזאגט וואס מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן אז ווען מען גייט ארויס פון הויז זאל מען לייגן די הענט אויף די מזוזה און בעטן א קליינע תפילה "הייליגער באשעפער ברענג מיר און מיין משפחה צוריק געזונטערהייט" דאס איז א געוואלדיגע זאך וואס מוהרא"ש האט אויסגעלערנט, מען געוואוינט זיך צו דאס צו טוהן און עס ווערט ווי א חלק פון די לעבן.

פאר א צייט צוריק האט מען געמאכט אין שטעטל ספעציעלע ריפלעקטארס מיט די ברסלב'ע קרוין אויף דעם, עס איז נאך דא צובאקומען ביים באזאר אין שטעטל, אויך איז דא בעלטס ריפלעקטארס פאר די פרויען.

## סדר הדלקת נר חנוכה פריש ארויס פון דרוק




מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פריייליכע נייעס אז דער הערליכער "סדר הדלקת נר חנוכה" איז נאראוואס איבערגעדרוקט געווארן, און איז שוין ווידער דא צו באקומען פארן ביליגן פרייז פון בלויז $2.99.

אנשי שלומינו ווארטן שטארק ארויס אויף דעם הערליכען "סדר הדלקת נר חנוכה" וואס באשטייט פון דעם נוסח הדלקת נר חנוכה מיט אלע מזמורים פיוטים און מנהגים ווי מוהרא"ש האט איינגעפירט, באגלייט מיט שיינע געדאנקען און חיזוק ווערטער מלוקט פון פילע ספרים איבער די גרויסע צייט וואס עס טוט זיך אפ אין אלע וועלטן ווען א איד צינדט די הייליגע חנוכה ליכט, און דער גרויסער עת רצון וואס מ'קען דאן פועלן גאר גרויסע זאכן.

אזוי אויך אַנטהאַלט עס פילע גאָר ווארימע תפילות אויף פאַרשידענע ענינים ווי אויף קינדער, נחת פון די קינדער, שידוכים, פרנסה, וואָס מוהרא"ש האָט געשריבן ספעציעל צו זאגן חנוכה ווען די לעכט ברענען. די תפילות עפענען אויף דאָס האַרץ צום אייבערשטן, און פועלן גאָר גרויסע ישועות.

יעצט איז עס איבערגעדרוקט געווארן פון פריש, און איבערגעארבעט געווארן מיט שיינע גרויסע געשמאקע אותיות מאירת עינים, וואס וועט זיין א תענוג רוחני פאר אלע וואס קויפן דאס איין.

צו באקומען ביי די מפיצים אדער אויף ברסלב סענטער.

# היכל הקודש נייעס

מאנסי

**נייע סידי "תתחדש" ערשינען אויף די מארקעט - הערליכע ניגון פון אמונה ארויסגעקומען דורך א חיזוק יומי פונעם ראש ישיבה שליט"א**




א הערליכע סידי איז ערשינען אויף די מארקעט מיט צען שיינע ניגונים קאמפאזירט דורך ר' הערשל ראזענבערג הי"ו פון שטאט מאנסי.

ר' הערשל נ"י איז שוין א בעל תפילה פאר איבער דרייסיג יאר, און מאכט שוין ניגונים פון אלס קליין בחור.

פאר בערך זעקס יאר צוריק האט פאסירט א טראגעדיע ווען הבחור תלמיד היכל הקודש אין ארץ ישראל יעקב מאיר חשין ע"ה איז אוועק ביי א באס עקסידענט, נאך די טראגעדיע האט דער ראש ישיבה ארום געזעדט ביי א שיעור פון דעם פאסירונג וואס איז געווען, ארויסברענגענדיג אז כאטש דאס איז גאר א שווערע טראגעדיגע, אבער ברוך השם אז דער בחור האט געהאט שכל און גוט אויסגענוצט די טעג און די יארן, ארייננכאפנדיג צו ענדיגן אסאך מאל ששה סדרי משנה, מסכות אין ש"ס, און אזוי ווייטער, אויך האט ער אסאך מפיץ געווען, און מחי' געווען גאר אסאך אידן, דאס נעמט ער מיט אויף יענע וועלט, און דאס דארף מען זען זיך אפצולערנען נאך אזא מעשה.

ר' הערשל האט געהערט דעם דאזיגן שיעור און עס האט אים גאר שטארק באנומען וויאזוי מען נעמט ארויס פון אזא מעשה די לימוד אויף למעשה וויאזוי איך קען נתעורר ווערן און טוהן עפעס אויף למעשה נאך אזא טראגעדיע, פון דעמאלט האט ר' הערשל אנגעהויבן אויסצוהערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און אנגעהויבן באקומען א נייעם בליק אויפן לעבן.

אין א שמועס מיט ר' הערשל אויף קול ברסלב פארציילט ר' הערשל אז דריי האלב יאר צוריק איז געווען א שטארקע חיזוק יומי פונעם ראש ישיבה וואס זאגט דארט אזוי: **"עס איז דא א נייע תקנה אין ישיבה, קיין שום בחור טאר נישט בעטן פון קיין בשר ודם קיין שום זאך וואס ער דארף, מען קען נאר בעטן פונעם אייבערשטן"**. דאס האט אים געוואלדיג שטארק באנומען, א טאג דערויף איז אים אריינגעקומען א ניגון אויף דעם געדאנק מיט די ווערטער פון דעם פינפטן ניגון אויף דעם נייעם אלבום: **"איך גלייב איך גלייב, נאר דו קענסט מיר העלפן, איך דאנק און לויב אז דו טוסט מיר העלפן, איך בעט און בעט אז דו זאלסט מיר ווייטער אלעמאל העלפן, נאר דו קענסט העלפן"**.

גלייך נאכן געבורט פונעם ניגון האט ער דאס געשיקט פארן ראש ישיבה פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט און דאס שטארק אויסגעלויבט, יעצט ווען דער ניגון איז ארויף אויף דעם נייעם אלבום האט ר' הערשל געשפירט הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה און איז געקומען ברענגען פאר'ן ראש ישיבה דעם נייעם אלבום פאר א מתנה.

שפעטער האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדרוקט אז אסאך ניגונים היינט וואס זינגט פון אמונה קומט פון א דירעקטע השפעה פון די דרשות וואס מען הערט, און פון די ניגוני אמונה וואס מען געבט דא ארויס און פון דעם קומט ארויס די ניגונים.

צו הערן דעם גאנצן אינהאלטסרייכן שמועס מיט ר' הערשל ווי מען גייט איבער מער פרטים בנוגע דער הערליכן אלבום מיט די צען ניגונים רופט קול ברסלב 845-299-2224 דאן 4 און דערנאך 2 פאר די אינטערוויו'ס אפטיילונג.

**על ידי ריקודים והמחאת כף אל כף נעשה המתקת הדינים**

(ליקוטי מוהר"ן חלק א סימן י)

<<<<

## געקויפט פרישע שטח אין אומאן



בילד געכאפט אינמיטן בויען דעם ערשטן בנין אין אומאן

פרייליכע נייעס הערט מען אז מען האט געקויפט א פרישע שטח אין אומאן הארט נעבן די עקזיסטירנדע היכל הקודש בנין וואס ווערט שוין גענוצט פאר די לעצטע פאר יאר פאר די געברויך פון אנשי שלומינו וואס קומען צום הייליגן רבי'ן ראש השנה.

די עקזיסטירנדע בנין אנטהאלט אין זיך א עס זאל, מקוה, בית המדרש, אפאר שטאק פון שטובער צו שלאפן. אזוי ווי ברוך השם עס קומט צו יעדעס יאר פרישע מקורבים און זיי ווילן אויך האבן די זכי' צו זיין מיט אנשי שלומינו א גאנץ יום טוב, עסן צוזאמען, דאווענען צוזאמען, הערן די הערליכע דרשות פונעם ראש ישיבה, אזוי אויך קומען צו יעדעס יאר פרישע קינדער וואס קומען מיט זייערע טאטעס שוין פון די זיבן יאר אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז א קינד וואס וועט קומען צו אים פאר די זיבן יאר וועט גייט צו די חופה מיט א ריין העמדל, אבער די בנין איז שוין ברוך השם אויסגעוואקסן און יעדעס יאר איז דא אנשי שלומינו וואס קענען נישט האבן די זכי' צו זיין אינעם בנין, במילא איז דער ראש ישיבה געקומען צום החלטה צו אפקויפן דעם שטח נעבן דעם בנין, און דארט בויען נאך א בנין כדי צו קענען אקאמאדירן דעם ציבור אנשי שלומינו פון די גאנצע וועלט וואס ווילן דייקא זיין דא אינעם היכל הקודש בנין.

ברוך השם אז מען קוקט צוריק זעהט מען די געוואלדיגע חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט אונז, מען האט באנייט דעם בנין צום ערשטן מאל אויף ראש השנה שנת תשע"ט, דעמאלט האט דאס אויסגעזעהן זייער ווייט פון די מציאות אז אין אפאר יאר ארום גייט דער בנין זיין שוין אויסגעוואקסן און מען וועט דארפן קויפן נאך שטחים ארום און ארום. די יעצטיגע שטח וואס מען האט אפגעקויפט איז שוין דער פערטער שטח וואס ווערט אפגעקויפט פאר די קהילה אין שטאט אומאן.

עס איז נאך דא געוויסע אפציעס וואס צו בויען ביים נייעם שטח, א נייע גרויסע היכל הבית המדרש, אדער א עס זאל אדער מער צימערן, ווען עס וועט זיין א ענדגילטיגע החלטה וועט מען עס מעלדן אם ירצה השם.

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז דעמאלט בשעת מען האט געקויפט דעם ערשטן שטח און אנגעהויבן בויעם דעם בנין האבן געוויסע געטענה'ט אז דאס איז נישט קיין גוטע פלאן צו בויען אזוי ארויס פון געגענט, אבער עס האט זיך אויסגעשטעלט אז דאס איז געווען גאר א גוטע זאך, מיר וועלן דא ציטירן אז שטיקל בריוו פונעם ראש ישיבה פון ב' חיי שרה שנת תשע"ח געשריבן פאר איינעם וואס האט אנגעפרעגט די סיבה פארוואס מען בויעט דעם בנין אינדרויסן פון געגענט: **עס איז זייער שווער פאר מענטשן צו זיין סמוך ונראה צום ציון; ביינאכט קען מען נישט שלאפן ווילאנג די 'נאכט פויגלעך' זענען אויף, צופרי שטייען שוין אויף די ערליכע אידן און עס הייבן זיך אן מנינים סליחות פון גאר פרי בקולי קולות אז עס קומט אויס פאר א מענטש צו שלאפן בקושי צוויי שעה א נאכט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא כ:): "וְלֹא הָיְתָה קְרִיאַת הַגֶּבֶר מַגַּעַת עַד שֶׁהָיְתָה עֲזָרָה מְלֵאָה מִיִּשְׂרָאֵל", דאס קען מען זען אין אומאן ווי פארטאגס איז שוין די גאנצע גאס און די שילן פול מיט מענטשן, עס הייבן זיך אן די מנינים מיט די שופרות, דערפאר זענען מיר ארויס געגאנגען אביסל ארויס פונעם גאנצן טאראראם.**

**ברוך השם אז מיר קומען נישט קיין אומאן זיך ארום צו דרייען אויף די גאסן, מיר קומען נישט צו פלוני און נישט צו אלמוני, מיר קומען קיין אומאן ווייל דער רבי האט געהייסן קומען קיין אומאן. אמת, עס איז טאקע נישט אזוי נאנט צום ציון, אבער מאך זיך א חשבון, די פאר טעג פאר ראש השנה און אויך מוצאי יום טוב נעמט מען א טעקסי, עס נעמט צוויי מינוט פון אונזער פלאץ ביז אונטען ווי די באסעס קומען אן, דארט ביסטו ממש ביים ציון. יום טוב אליינס, מאך זיך א חשבון וויפיל מאל גייט מען יום טוב צום ציון, אויב מען שטייט אויף ביים עלות קומט אויס צו גיין איין מאל א טאג צום ציון, ווייל אכט אזייגער שטעלט מען זיך שוין דאווענען ביז צוויי אזייגער, נאכדעם איז די סעודה, נאך די סעודה איז מנחה און א דרשה, און דער טאג איז אריבער.**

ביז דערווייל גרייטן זיך שוין אנשי שלומינו צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ד, מען בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אז מען זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. אזוי אויך גרייט זיך שוין פלען איט רייד מיטן איבערגיין די פלענער צו זען וויאזוי מען גייט קענען פארן, און די בעסטע וועג וויאזוי דאס זאל צו גיין, אויב וועט מען קענען ארייגפארן אין אוקריינא וועט מען צושטעלן א טשארטער פליגער אריין גלייך קיין אוקריינא, אויב נישט, וועט מען לאנדן אין פוילן און פון דארט פארן מיט די באן.



# גיימיר טשילן

ישראל דוד העסקל

**איך** זיץ אין קאר, מיינע פינגער קלאפן מיט - מיט די מוזיק אויפן סטירינג וויהל, און איך טראכט צו מיר, ס'שוין סוף וואך, איך דארף עפעס סחורה פאר אן ארטיקל, עפעס זיס, עפעס אינטערעסאנט, עפעס מיט א גוטע מוסר השכל ס'זאל נישט זיין געשריבן סתם אבי אין די וועלט אריין, מ'זאל נאך קענען מיט שמייכלען מיט דעם אויך, עפעס וואו יעדער קען זיך טרעפן דארט... אבער די וואך גייט עס עפעס נישט, מיינע שכנים קומען נישט קלאפן אויף מיין טיר... קיינער האט מיר נישט אפגעשטעלט פרעגן עפעס וויכטיגס... אויפן גאס האב איך קיינעם געטראפן די וואך צו האבן עפעס א גוטע שמועס... אויסער מיין סדר היום האב איך קיינעם נישט באגעגנט, אפילו קיין פליק אויף היכל הקודש האב נישט געכאפט, ממש גארנישט! מיינע פיאות טראפן נאך פון די מקוה, איך האלט שוין נאך א שטיקל התבודדות, איך פרוביר וואס איך קען נאר ס'זאל מיך עפעס איינפאלן פאר א גוטע ארטיקל, אבער איך בין סטאק ס'רוקט זיך גארנישט!

איך וויל שרייבן דאס מאל עפעס ערנסט, חיזוק, וואס האט מען פון לאכן פון יענעם... ס'מאכט דיר נישט בעסער אדער גרעסער אז דו האסט זוכה געווען צו זיין אין א גוטע פלאץ און זיי נעבעך נאכנישט... זיי מתפלל און גיי הפצה אז אנדערע זאלן אויך קענען שפירן דעם גוטן טעם וואס דו שפירסט אין דיין לעבן.

אזוי טראכט איך צו מיר, ווייל חוזק מאכן איז גאר גרינג... פון יעדעם קען מען גוט לאכן, די שווערע זאך איז צו מחזק זיין און מקרב זיין און אנווארעמען זיך אליינס און די ליינער אז ס'זאל זיך שפירן נאכדעם זאט און אויפגעלייגט. און אויב קען מען נאך אריינקוועטשן אביסל אמונה און תפילה און נאך גוטע זאכן, דאס איז שוין שפיץ, פאר דעם זעמיר דא אבער די וואך שרייבט זיך עס עפעס נישט, ס'קומט נישט קיין געדאנקען.

איך זיץ ביים רויט לייט און פרוביר אויסצוקוועטשן מיין מח, אפשר דאך עפעס, איך בין זיך מתבודד נאכאמאל "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל האבן עפעס סחורה פאר די קומענדיגע וואך פאר די חשוב'ע ליינערס" איך פרוביר זיך נאכאמאל צו מצמצם זיין, אבער ס'קומט גארנישט... אז איך זעה אז ס'גייט נישט קיין געדאנקען, הער איך אויף טראכטן איך בין מסיח דעת פון דעם.

איך הייב אן אביסל מיטזינגען מיט די סידי וואס שפילט אין קאר - "צו איז אלעס אקעי מיט מיין קינד, צו איז ער אינגאנצן געזונט... צו האט מיין הארץ געסטאפט, צו האב איך א סטראוק געכאפט... איך האב א פנים א בלאסע



אפשר האב איך יענע מעשה..." ס'ווערט מיר גוט, איך האב דעם ניגון שוין עטליכע מאל געהערט, און ס'האט זיך אזוי שיין געזונגען... אבער דא יעצט פלוצלינג האב איך עס דערהערט! ס'הייבט מיר אן גוט קיצלען, אפשר טאקע? א סקרוך לויפט מיר דורך אלע ביינער, אפשר קווטש מיר טאקע עפעס? אפשר בין איך בלאס? אפשר טאקע? אוי ווי ס'הייבט מיר אן ווערן נישט גוט, איך שפיר ווי א קאלטע שווייס באנעמט מיר... ווי אזוי קען זיין דער ראש ישיבה זינגט עס מיט אזא שמחה? ס'שטימט עפעס נישט! וואס וויל ער דא פון מיר? טאנץ און זינג אז אפשר כאפ איך יעצט א הארץ אטאקע? ווי מער איך טראכט אריין אין דעם, אלץ שווערער ווערט עס. אויבן אויף, מיינט אמונה גלייב אין דער אייבערשטער, אז וואס ס'איז אזוי איז גוט. אמונה פשוטה! דער אייבערשטער פירט די וועלט, ווער גלייבט דען נישט? מצוות אנשים מלומדה... דער אייבערשטער פירט זיין וועלט אויבן, און אלעס איז סייעתא דשמיא, וואס איז די שאלה בכלל... אמונה איז דאך פון די פשוט'סטע זאכן אין כלל ישראל, ס'איז בכלל נישט קיין קאנטראווערסיאלע טעמע... קינד און קייט ווייסט - נאר אמונה נאר אמונה אין בורא כל העולמים! אבער וואס מיינט עס טאקע? ווי אזוי לעבט מען עס?

דער ראש ישיבה מאכט עס דאך אזוי לעכטיג פאר אונז - "אוי נעם אריין אמונה אין דיר, אמונה מאכט אויף יעדער טיר..." מ'לעבט מיט דעם! ווייס אז אלעס פירט דער אייבערשטער, און דער אייבערשטער טוט נאר גוט, לעב מיט אמונה!

מענטשן זענען אזוי ביזי פירן די וועלט, דער מיט זיין ביזנעס, ס'מוז זיין אזוי און ס'מוז זיין אהער און אויב ער וועט נישט זיין דא דעמאלט וועט אלעס חרוב גיין, ער איז פאר'דאגה'ט און פאריאגט, אויב ווער עסטו אים אפשטעלן אינמיטן זיין יאגעניש אפילו ווען אלעס גייט טאקע ווי געפלאנט און פרעג אים "ר' איד ווער פירט די וועלט?" וועט ער דיר זיכער ענטפערן דער אייבערשטער! "אויב אזוי פארוואס ביזטו אזוי פאריאגט און פאר'דאגה'ט אז מ'קען קוים רעדן מיט דיר?" ער וועט אפילו נישט פארשטיין די שאלה... וואס הייסט פארוואס?! דו ווייסט אז מיין גאנצע ביזנעס ווענדט זיך אויב איך וועל יעצט זיין דא און טרעפן דעם מענטש און אלעס וועט דארפן גיין הונדערט פראצענט ווי געפלאנט... און ווען ס'געלונגט, פאטשט ער זיך צאם די צוויי הענט איך בין א געלונגענער! זעהסט, אזוי מאכט מען געלט און אזוי בויעט מען א ביזנעס... איי אלעס דער באשעפער? יא! זיכער! אבער למעשה האב איך עס מסדר געווען...

ס'דא א ווערטל, אז א איד האט אמאל געזוכט פארקינג ער האט זיך געדרייט און געדרייט פאר א שעה צייט, ווען ער האט געשפירט אז ס'שוין באו מים עד נפש... האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אז ער דארף א פארקינג, און צוגעזאגט א פינעווער פאר ר' מאיר בעל הנס, אזוי ווי ער ענדיגט בעטן דעם אייבערשטן און צוזאגן צדקה - פארט איינער ארויס פון די ספאט פארנט פון אים! ער הייבט אויף זיינע אויגן צום הימל און זאגט: "אייבערשטער נעווערמיינד, איך האב מיך שוין אליינס מסדר געווען..."

אזא פנים האט עס, אויב לעבט מען נישט מיט'ן אייבערשטן, אבער א איד וואס לעבט מיט אמונה וואס ארבעט אויף זיין אמונה און איז זיך מתבודד, האט נישט קיין דאגות! ס'דא א באשעפער וואס פירט אים און ברענגט אים און באגלייט אים אויף טריט און שריט, זיין ביזנעס איז נישט זיין קרעדיט ווייל ער האט... נאר א מתנה פונעם אייבערשטן, און ווען ס'דא עפעס א מורא'דיגע פלאן וואס גייט ברענגען ממש אזאנס און אזעלכעס, האט מיר דער אייבערשטער חונן דעת געווען מיט די גוטע עצה, און ווען אלעס געלונגט פונקט ווי געפלאנט - שכוח אייבערשטער אלעס איז פון דיר! און





אויב גייט אלעס פייפן, איז עס אויך דער אייבערשטער מוז זיין אז דאס איז די בעסטע פאר מיר!

אזוי אנצוהייבן די טאג מיט אזא שטיק לעבן, ב"ה היינט האב איך נאכאמאל זוכה געווען מקורב צו ווערן צו היכל הקודש ברסלב, צו א רבי וואס געבט אונז לעבן, קיינער קען מיר נישט שטערן אדער ווי' טוהן, אלעס איז דער אייבערשטער אלעס איז דער רבונו של עולם, ער פירט מיר, טראגט מיר, און ברענגט מיר, איך קען נישט ארויסגיין פון די קאר איך לאז דעם ניגון לויפן נאכאמאל און נאכאמאל אוי אמונה אמונה נאך און נאך אמונה!

מיין טאג האט זיך אנגעהויבן אויף די רעכטע פוס, נאכ'ן דערהערן אזא ניגון איז מיין גאנצע טאג געווען אזוי דערהויבן און געשמאק.

שפעטער ביינאכט בין געזעסן אביסל מיט מיין ווייב און קינדער און געשמאק פארברענגט, אינמיטן קלינגט מיך מיין חבר אריין, די ערשטע צוויי מאל האב איך נישט געענטפערט, אבער ביי די דריטע מאל האב איך שוין אנגעהויבן טראכטן אפשר האט עפעס פאסירט מיט אים, איך ענטפער דעם טעלעפאן "העלא".

יא, אונז גיימיר טשילן, ביזט אין?

ווען?

אין א האלבע שעה!

איך מאך א שנעלע חשבון, מעריב האב איך שוין געדאווענט, מיינע שיעורים האב איך שוין געלערנט, איך בין שוין לאנג נישט ארויסגעגאנגען מיט חברים, איך ענטפער אים "יא! איך קום, קענסט מיך אויפפיקן פון שטוב און א האלבע שעה".

ניין און צוואנציג מינוט שפעטער דריזלט מיין טעלעפאן און איך הער א קאר פייפן, איך גיי ארויס יא ער איז דא ווי א יעקער, איך זעץ מיר אריין אינעם פאדערשטן זיץ - וואס מאכסטו?

וואס איך מאך? איך ווער משוגע!

א גאנצן טאג קען איך נאך דערהייבן, אבער ווען ס'קומט ביינאכט פלאץ איך פשוט! כ'קען נישט זיין אינדערהיים! דו ווייסט דאך מ'האט מיר איינגעמיירעט מיט א ווייב... איך האב פון די ערשטע מינוט נישט געוואלט דער שידוך, מ'האט מיר פשוט ארייגעצווינגען... זי איז בכלל נישט פאר מיר, זי האט נישט קיין השגות, זי איז ממש פלאטשיג!

און מיינע קינדער... אוי פרעג נישט, זיי מאכן מיר אלס אזוי נערוועז, ווען איך בין מיט זיי פליט פעטש, איך האב נישט קיין ברעקל געדולד צו זיי, זאלן זיי טוהן וואס זיי ווילן, איך האב נישט קיין כח יעצט פאר חינוך, נאך די בר מצוה וועל איך זיי שוין מחנך זיין! און צו אלע צרות, וויל מיין ווייב איך זאל יעצט גיין צו איר מאמע אויפפיקן עפעס א קעיק וואס צום סוף וועט עס סיי ווי גיין אין גארבידש... מיין שוויגער איז גוט ווערד איר געלט... זי ווייסט פונטליך ווי אזוי צו צאפן מיין בלוט...

איך זאג דיר איך האלט עס מער נישט אויס! איך וואלט ווען געגאנגען לערנען אפילו, אבער וואס זאל איך טוהן איך פארשטיי גארנישט! איך קוק אריין אין די גמרא ווי די האן אין בני אדם... איך בין אזוי באקראצט, נישט דער וועלט און נישט יענער וועלט, איך פיהל ווי איך בין סטאק אין זיך אליינס... דער ארויספארן יעצט, דער טשיל, ממש ראטעוועט מיך! איך ציטער צו טראכטן וואס גייט זיין ווען אונזער טשיל ענדיגט זיך, די גאנצע טאג בין איך נאר פארנומען צו אנטלויפן פון די רעאליטעט וואס טו איך דא?

אזא באמבע האט ער געווארפן! איך זע שטערנס... דא האב איך געמיינט אז איך גיי מיך אביסל אויסלופטערן, זיך ענדשויען... און דערוווייל האט מיר דער רבונו של עולם אונטער געשיקט אזא צובראכן הארץ, וואס ענטפער איך אזא מענטש? וואס קען מען זאגן פאר א איד וואס איז אזוי מיואש? ער מאכט נעבעך אזוי פיל מיט.





איך זיץ שטיל און טראכט וואס צו זאגן, אבער איך קען פשוט נישט טרעפן די ווערטער אים צו זאגן, איך שפיר אז איך מוז שווין ברעכן די שטילקייט... פאלט מיר איין א מורא'דיגע געדאנק.

ר' איד איך קען דיר אפשר אנצינדן א ניגון?

יא זיכער!

אבער אזוי ווי אונז טשילן יעצט... מאך עס הויך, די מוזיק זאל גוט קנאקן!
איך צינד אן דעם ניגון:

"....קענסט רואיג זיין, ס'דא א פלאן, א בעל הבית איז פארהאן וואס די וועלט איז זיין, ביסט נישט אליין, ס'וועט אלעס זיין פיין, דער באשעפער אליין, פירט אזוי שיין - אמונה אמונה אמונה, נאך און נאך אמונה".

ס'גייט דורך די זיבן מינוט און איין און דרייסיג סעקונדעס און די ניגון קומט צו אן ענדע! איך דריי מיך אויס איך קוק אויף מיין חבר און איך זע ווי עס גיסט אים טרערן פון די אויגן... ער זאגט מיר מיט א געשטיקטע שטימע - "צינד עס אן נאכאמאל".

אזוי זענען מיר די גאנצע וועג געזעצן שטיל, און איבערגעהערט דעם ניגון נאכאמאל און נאכאמאל, דאס איז געווען אונזער טשיל... נאך א דריי פערטל שעה לייגט ער מיר אראפ צוריק אינדערהיים און גייט זיך זיין וועג, ע"כ.

איך בין אזוי אויפגעציטערט געווארן פון דעם, די כח פון א צדיק וואס איז משפיע, אז אפילו א מענטש וואס איז אינגאנצן פרעמד ביי אים, זאל ווערן אזוי איבערגענומען, זאל כאפן אזא אויפשאקלונג!

אמונה איז אזוי גרויס, יעדער ווייסט פון אמונה, אבער ווען מ'הייבט אן לעבן מיט דעם, ווען ס'קריכט אריין אין די ביינער וועקט עס אויף די נשמה פון די ווייטסטע מענטש. א מענטש וואס האט גארנישט האט פלוצלינג אלעס, אז מ'האט דעם אייבערשטן און מ'איז זיך מתבודד מיטן באשעפער האט מען אלעס, אבער אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אלעמאל, מ'דארף עס איבערהערן נאכאמאל און נאכאמאל, אן א שיעור מאל, ס'איז נישט דא קיין נייע זאכן, מ'דארף נאכאמאל און נאכאמאל איבער'חזר'ן די אלטע פשוטע זאכן, ווייל נאר אזוי וועט מען קענען לעבן מיט דעם.

דער ראש ישיבה רעדט אסאך פון לייגן תפילין, דער ראש ישיבה זאגט, אז מענטשן זאגן אלס, ווער לייגט נישט קיין תפילין וכו', אבער דער ראש ישיבה זאגט, אז ליידער איז דא זייער אסאך בחורים און יונגעלייט וואס לייגן נישט קיין תפילין יעדן טאג און דאווענען נישט, וואס איז טאקע פשט ס'איז דאך אזעלכע פשוטע יסודות אין אידישקייט? נאר אויף יעדע זאך וואס איז דא אויף דעם א יצר הרע דארף מען חיזוק אויף דעם די גאנצע צייט אפילו אזא פשוטע זאך ווי תפילין.

איך האב מיר אמאל געמאכט א סימן צו וויסן וואס איז דבר שבקדושה און וואס נישט, ס'איז דא היינט אזוי פיל חיוב קדוש'ס און לשם שמים'ס... ווי אזוי ווייסט מען וואס איז טאקע א חוב קדוש און וואס איז טאקע לשם שמים? האב איך געמאכט א מורא'דיגע סימן, אויב שפיר איך נישט קיין שום מניעה, איז עס לכאורה פאלשע מעשיות, ווייל אויב וואלט עס טאקע געווען א חוב קדוש, וואלט זיך דער שטן פארלייגט... און אויב דער שטן פארלייגט זיך נישט איז עס מן הסתם א חוב קדוש אוועקצושטיין פון די חוב קדוש לשם שמים...





איך האב אמאל געהערט א מורא'דיגע מעשה פון דעם גרויסן מגיד הרה"ג ר' שלום שוואדראן זצ"ל פון ירושלים. ער איז אמאל געווען אויף א שבת און די שטאט קרית גת, דארט האבן געוואוינט אסאך פרייע, האט מען געבעטן הרה"ג ר' שלום זצ"ל ער זאל אויפטרעטן פאר די פרייע, אפשר וועט ער זיי קענען אביסל אנווארעמען צו תשובה.

הרה"ג ר' שלום זצ"ל איז נישט געווען צוגעגרייט צו רעדן א דרשה, האט ער זיך פרובירט ארויסצודרייען, אבער אזוי ווי זיי האבן שטארק מפציר געווען האט ער צום סוף מסכים געווען און ער איז געגאנגען רעדן אומצוגעגרייט.

ער שטעלט זיך אויף ביים שטענדער און פרעגט: "וואס איז פשט אז ביי די פרייע



מאכט מען א בת מצווה פארטי? ס'האט דאך נישט קיין שום הסבר אדער מקור!"

אלע זיצן שטיל און ווארטן צו הערן וואס דער מגיד גייט ענטפערן - זאגט הרה"ג ר' שלום זצ"ל: "ביי אונז, ביי די פרומע, מאכט מען א בר מצוה, מ'פרייט זיך אז דער בחור'ל גייט אנטוהן תפילין, און דאס איז א מורא'דיגע שמחה! און אזוי ווי די מיידלעך גייען נישט קיין תפילין, מאכט מען נישט קיין בת מצוה".

אבער ביי אייך, וואס מ'מאכט א בר מצוה פארטי' אן אנצוטוהן תפילין רחמנא ליצלן, און אן צו אונטערנעמען די עול התורה והמצות, האבן די מיידלעך טאקע רעכט, וואס זענען זיי אנדערש? דערפאר מאכט איר א בת מצוה פארטי!

יארן שפעטער קומט עפעס אן עלטערער איד צו צו הרה"ג ר' שלום זצ"ל און פרעגט אים: "איר דערקענט מיר?" זאגט ער: "ניין, איך ווייס נישט ווער איר זענט". זאגט אים דער איד: "איך בין דעמאלט געווען ביי די דרשה וואס איר האט געגעבן פאר די פרייע אין קרית גת, און בין אזוי נתעורר געווארן פון דעם, אז ווען איך בין אהיים געקומען האב איך געזאגט פאר מיינע זוהן אז פון היינט הייבן מיר אן לייגן תפילין! און אזוי זענען מיר צוביסלעך געווארן פרומער און פרומער, היינט האב איך ב"ה עטליכע דורות אלעס פרומע אידן, נאר אדאנק אייער דרשה פון תפילין!"

שיינע מעשה? יא זיכער! אבער טראכט אריין, קוק אויף די כח וואס די הייליגע תפילין האט, דער ראש ישיבה זאגט אז ווען מ'בינד צו די תפילין בינד מען זיך צו צום אייבערשטן, אויב האבן די הייליגע תפילין געקענט ברענגען א איד וואס איז געווען אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, ער זאל ווערן א פולקאמער בעל תשובה אים און זיינע דורות, טראכט, דו וואס דו לייענסט דא די שורות אינעם קרית ברסלב בלעטל דו ביזט דאך מקורב צום רבי'ן, די הייליגע תפילין האבן זיכער א כח אונז ארויפצושלעפן אזוי הויך!

וויל דען א איד נישט לייגן תפילין? וויל דען א איד זינדיגן? אונז האמיר אזעלכע ביטערע נסיונות, אונז לעבן אין אזא שווערע דור מיט אזוי פיל צרות און אזוי פיל בילבולים און נסיונות, אזא נס אז אונז האבן א ראש ישיבה וואס איז זיך מוסר נפש פאר אונז און דערמאנט אונז און איז אונז מחזק יעדן איינציגסטן טאג אויף פשטות יהדות, ער לערנט אונז ווי אזוי זיך צו פירן ערליך, ווי אזוי צו זיין דבוק אינעם אייבערשטן אפילו אין אונזערע שווערע צומישטע צו'חוש'טע דור, וואס מיינט א איד, וואס איז די חשיבות אין א איד, ווי אזוי נאר צו זען גוט'ס אויף אן אנדערע איד.

מ'פארציילט נאך א מורא'דיגע מעשה פון הרה"צ שלמה מ'באבוב זצ"ל. גלייך נאך די מלחמה ווען אלע אידן פליטים, זענען נאך געווען צושפרייט איבעראל, האט ער אמאל געטראפן א איד אויפן גאס אן קיין בארד און פיאות, ער האט אים דערקענט פון פאר די קריג, און ער האט געדענקט אז דער איד פלעגט זיין א שיינער בעל תפילה אינדערהיים, גייט ער צו צו אים און בעהט אים אויב ער קען אפשר קומען דאווענען אין די באבובער



שול פרייטאג צונאכטס קבלת שבת, קודם האט ער נישט געוואלט, אבער הרה"צ ר' שלמה זצ"ל האט זיך אזוי איינגעבעטן ביי אים, אז ער האט נישט געקענט אפזאגן.

פרייטאג צונאכטס איז דער איד טאקע געקומען אין ביהמ"ד, און שיין געדאווענט. נאכן דאווענען בעהט אים הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל אז מארגן זאל ער אויך קומען אין שוהל און דאווענען מוסף.

אויפצומארגנס איז דער איד נישט אנגעקומען, האט הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל געשיקט זיין זוהן הרה"צ ר' נפתלי מבאבוב זצ"ל ער זאל גיין אויפזוכן דעם איד, און אים ברענגען אין שוהל.

נאך א שטיק צייט קומט הרה"צ ר' נפתלי מבאבוב זצ"ל צוריק אליינס, פרעגט אים הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל: "וואו איז דער איד?"

זאגט ער אים: "איך האב אים געטראפן זיצן אין פארק מיט א צייטונג און רייכערן ר"ל, בין איך נישט צוגעגאנגען צו אים..."

זאגט אים הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל: "נישט דער איד רייכערט, דער דייטש רייכערט! זיי מוחל, גיי צוריק און ברענג דעם איד אין ביהמ"ד!"

יארן שפעטער קומט אריין צו הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל אן עלטערער איד מיט א ווייסע בארד, און פרעגט הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל איר דערקענט מיר? זאגט ער, ניין!

"איך וועל אייך זאגן ווער איך בין, איך בין דער בעל תפילה וואס איר האט דעמאלט געטראפן אן קיין באָרד און פיאות וכו', איך וויל איינלאדענען דעם רב צו די חתונה פון מיינס אן אייניקל צו קומען זיין מסדר קידושין".

הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל איז געגאנגען צו די חתונה צוזאמען מיט זיין זוהן הרה"צ ר' נפתלי מבאבוב זצ"ל, ווען זיי זענען אריינגעקומען אין זאל ווייזט דער איד פאר הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל, קוק, דא האב איך איבער הונדערט קינדער, אייניקלעך און איר אייניקלעך, אלעס ערליכע אידן! דרייט זיך הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זצ"ל אויס צו זיין זוהן הרה"צ ר' נפתלי מבאבוב זצ"ל און זאגט אים: "געדענקסט וואס איך האב דיר געזאגט? נישט דער איד האט גערייכערט דער דייטש האט גערייכערט!"

וואס זעהט מען פון די מעשה? איך נעם ארויס צוויי זאכן, איינס א צדיק איז איינער וואס ברענגט אידן צום אייבערשטן, נישט איינער וואס שטופט אוועק אידן וכו' וכו' וד"ל.

און די צווייטע זאך אז יעדער פון אונז האט אויך א דייטש, אונז האמיר א שונא, א יצר הרע וואס וויל אונז יעדע מינוט ארייננווארפן אין תהום אריין, און ער קומט יעדן טאג מיט א פרישע נסיון און ראנגלט זיך מיט אונז, אבער אויב האבן מיר א צדיק וואס לערנט אונז א וועג צו לעבן און שלעפט אונז יעדן טאג צוריק צום אייבערשטן נישט קיין חילוק ווי אזוי מיר זעען אויס, מיר זענען אלע אידן בני






אברהם יצחק ויעקב, און יעדער וויל זיין ערליך, יעדער וויל זיין וואויל, יעדער וויל צוגעבונדן צום אייבערשטן, אבער מיר האבן א דייטש, א נאצי, א יצר הרע וואס געבט נישט אויף! און נאר דורכ'ן נאכאמאל און נאכאמאל איבערהערן די פשוטע חיזוק אויף צו טוהן מצות און קומען דאווענען, דורכ'ן איינבאקן און זיך די ריינע אמונה וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, נאר אזוי קען מען בייקומען אונזער הויפט שונא.

אונז זענען געזעסן אינאיינעם ליל שישי, די לאנדאנער חבורה, און מ'האט דערציילט שיינע מעשיות פון תפילה. ר' שמחה בלאק נ"י האט פארציילט א מורא'דיגע מעשה פון תפילה וואס האט מיר ממש באנומען. ער פארציילט אז זיין ווייב האט געדארפט קויפן עפעס א געוויסע טייערע זאך, און ער האט אויסגעפונען אז ס'דא איינער וואס פארקויפט עס יעצט פאר שפאט ביליג אבער נאר איינצלנע אויף א גורל. ער איז אריין אין די גורל און געבעטן אזא ווארימע תפילה אז ער זאל געווינען, און ער האט נישט געווינען! שכוח - אייבערשטער אז איך האב נישט געווינען!

יעדער קוקט אים אזוי אן... וואס דו מאכסט חוזק? מ'פארציילט שיינע מעשיות פון תפילה, וואו קומט דעם אריין? האסט דאך נישט באקומען וואס דו האסט געבעטן, דאס איז נישט קיין מעשה פון תפילה!

דאס איז די שטערקסטע מעשה פון תפילה האט ער געענטפערט! איך האב געבעטן דעם אייבערשטן וואס איך וויל, און וואס דער אייבערשטער וועט טוהן איז זיכער גוט! געלויבט דער הייליגער באשעפער אז איך האב נישט געווינען, דאס איז זיכער נאר פאר מיין טובה!

אזא שטארקע אמונה טרעפט מען נאר ביי תלמידים פון דער ראש ישיבה וואס פרעגלט אריין אין אונז אמונה פשוטה נאך און נאך, ביז מ'הייבט אן באמת לעבן מיט דעם!

א מחיה היכל הקודש! מ'זעהט נאר גוט'ס אויף א צווייטן, מ'זוכט נאר ווי מ'קען יענעם מחזק זיין. די אלע מעשיות און גדלות פון אמאליגע צדיקים, הערט עפעס נישט אזוי ווייט און פרעמד... אונז זענען זוכה צו האבן א וועג ווייזער וואס ווייזט אונז אז מיר קענען אויך האבן א גליקלעכע און ריינע לעבן ווי אן אמתער ערלעכע איד!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!!!**





בעזרת השם יתברך

חנוכת הבית תלמוד תורה
מוצאי שבת חנוכה, תשפ"ג

# להודות ולהלל

## מיט גרויס פרייד ווילן מיר איינלאדענען

## אלע משפחות אנשי שלומינו

צום

# מלוה מלכה

## מוצאי שבת חנוכה

להודות ולהלל - צו דאנקן

דעם באשעפער

אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן,

צוזאמען מיט א גרויסארטיגן

# חנוכת הבית

פארן נייעם בנין התלמוד תורה

אין קרית ברסלב ליבערטי

**בהשתתפות הראש ישיבה שליט"א**

## די מסיבה ווערט פארקומען

## אינעם ערשטן בנין התלמוד תורה

39 טשעסנאט ליבערטי ניו יארק





# מעשיות פון תפילה

## יצחק אייזיק ראטה - קרית ברסלב:

איך בין געפארן אויפן ראוד, און אינמיטן האט מיך א פאליס אפגעשטעלט, ער בעט מיך מיין לייסענס און ער גייט אריין אין זיין קאר שרייבן די טיקעט, איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, העלף מיך איך זאל נישט באקומען קיין טיקעט", תוך כדי דיבור בשעת איך זאג די ווערטער קומט דער אפיציר ארויס פון זיין קאר און לויפט צו מיין קאר, ער געבט א שיס אריין די לייסענס אין מיין קאר און לויפט צוריק צו זיין קאר, און שמייסט אוועק.

דער אייבערשטער האט ספעציעל געמאכט ס'זאל געשען אן עמערדזשענסי וואס ער האט געדארפט לויפן אהין, ער זאל מיך נישט געבן קיין טיקעט.

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל:

ל"ג בעומר תשפ"א איז געווען א קערפי"ו אין גאנץ קאנאדע, די רעגירונג האט נישט געלאזט ארויסגיין פונדערהיים נאך א געוויסע צייט, און זומער האט מען נישט געקענט פאלגן די געזעץ וויבאלד ווען ס'ווערט נאכט און מ'דארף דאווענען מעריב איז שוין די קערפי"ו אין פולן קראפט, איך האב געכאפט א טיקעט אין פרייטאג צונאכטס פארן פארלעצן די געזעצן, און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א גוטע לויער (אדוואקאט) וואס זאל מסדר זיין די טיקעט אן פוינטס און אן בעטן טייער געלט, און שכח אייבערשטער אז איינער האט געפייט די טיקעט אן פוינטס פאר א גוטע פרייז.

## הערשל שניטצלער - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט אריינפארן אין שטאט עפעס ערלעדיגן, אויפן וועג ארויס איז שוין געווען היפש שפעט, און איך בין שוין געווען גאנץ מיד, איך האב מורא געהאט אז איך וועל איינשלאפן אינמיטן דרייוון, און אויב דארף איך מיך אפשטעלן דרימלען אינמיטן וועג וועט ווערן נאך שפעטער, האב איך גלייך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען צוריק דרייוון די גאנצע וועג אויסגערוהט אן זיך דארפן אפשטעלן אינמיטן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך בין געווען פיין אויסגערוהט און איך האב געקענט צוריק דרייוון די גאנצע וועג אן קיין איין סטאפ אינמיטן.

שכח אייבערשטער.

## יענקי האלצער - קרית יואל:

איך האב געגעבן א קענדי פאר מיין בעבי, און איך האב נישט באמערקט פארדעם אז ס'איז צו א גרויסע שטיקל און ער קען זיך חס ושלום דערשטיקן, אזוי אינמיטן עסן זע איך ווי ער שטיקט זיך, ס'האט אויסגעקוקט זייער שרעקעדיג, איך בין אראפגעלאפן צו מיין שכן אן הצלה מעמבער און איך קלאפ אויף זיין טיר אבער ער איז נישט אינדערהיים, איך הייב אן האקן אויף די בעבי'ס רוקן אבער ס'קומט נישט ארויס, איך ווער מער און מער דערשראקן, ביז איך האב געגעבן א שריי: "באשעפער העלף ס'זאל ארויסקומען", איך האב געגעבן נאך איין האק און ס'געבט א פלי ארויס.

איך האב די זעלבע געהאקט פאר די תפלה, קוקט אויס דער אייבערשטער האט געווארט איך זאל אים בעטן. איך שיק אייך דא די בילד פונעם קענדי.



**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשע"ה לפ"ק**

לְכָבוֹד מֵיין טַייעֶרע ... גֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסֶער יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר; דוּ מַאכְסְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם פַאר בְּרֶסְלֶב אוּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דִי יְשִׁיבָה. מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִינְגֶערמַאן וָואס קוּמְט אַרַיין אִין לָאמְבֶּער אוּן דוּ שֶׁעלְטְסְט נִישְׁט אוּן דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט קֵיין נִיבּוּל פֶּה רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס מֶען הֶערְט הַיינְט לַיידֶער הֵיימִישֶׁע חַסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט רֶעדְן זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין אוּן רֶעדְן שְׁמוּצִיג, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, אוּן **מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף זַיין רֶעדְן וָואס עֶר אִיז.**

יֶעצְט קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, דַארְפְסְטוּ זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן זִיךְ פְלַייסְן אִין לֶערְנֶען, יֶעדְן טָאג חוּמָּשׁ מִיט אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן כָאטְשִׁיג אַ דַף גְמָרָא, וַוייל **דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.**

שְׁטַארְק דִיךְ ... אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה, אָדֶער צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, אוֹיךְ וַוארְט אִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אַ שַׁבָּת צוּ מִיר, הַצְלָחָה.

* * *

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשע"ה לפ"ק**

לְכָבוֹד מֵיין טַייעֶרע ... גֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק דִיךְ ... יֶעצְט קוּמְט חֲנוּכָּה; וָואס מֵיינְט חֲנוּכָּה? אַ לָשׁוֹן פוּן חֲנוּכַּת הַמִזְבֵּחַ - **מֶען בַּאנַייט זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן פוּן דָאסְנַיי** אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק, אוּן מֶען שְׁטַארְקְט דִי וַוייבּ.

זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, יֶעצְט זֶעץ דִיךְ אַרָאפּ בַּיי דִי מְנוֹרָה קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים, דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִין אוּנְז; לְמָשָׁל חֲנוּכָּה, מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֶען טוּט חֲנוּכָּה; בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶעצְן זִיךְ אַוֶועק בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, קוֹדֶם מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מֶען פַארְצֵיילְט דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט יֶעצְט, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אַהּ! **אַ מְחַיֶה וָואסֶערֶע שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע שְׁטִילֶע לֶעבְּן קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן וְכוּ'.**

שְׁטַארְק דִיךְ, אוּן זֶע אַבִּיסְל **עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הַפָּצָה**, וַוייל מִיר גֵייעֶן שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, אוּן דָארְט אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁטָאלְץ מִיט דִיר.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## געבן די געלט אויף גוטע פלעצער

דער ראש ישיבה האט באזוכט אין איינע פון די נייע בניני המוסדות אין קרית ברסלב ליבערטי, דארט איז אויך געווען אנוועזנד איינע פון די נדבנים וואס האבן מנדב געווען דעם שם הבנין, האט דער ראש ישיבה געזאגט פארן נדבן: "זייער קלוג טוסטו אז דיין געלט גייט אויף גוטע פלעצער".

דער ראש ישיבה האט אים דערציילט: "ס'איז געווען א איד וואס האט געהייסן ר' ישראל זופניק ז"ל, ער איז געווען א קלוגע איד, ער איז געווען זייער רייך, ער האט געהאט גאר אסאך געלט, אבער ער האט נישט געהאט קיין קינדער, ער האט זיך געמאכט א חשבון: "באלד גיי איך אוועק פון די וועלט, וואס וועט בלייבן פון מיך?", האט ער געגומען זיין גאנצע געלט און עס געגעבן פאר דער סאטמאר'ע רבי זצ"ל אז דער רבי זאל בויען מוסדות דערמיט, וואו ס'איז דא היינט סאטמאר'ע מוסדות קען מען זען "בנין זופניק", אין וויליאמסבורג איז דא בנין זופניק, אין קרית יואל קענסטו זען בנין זופניק, די קעמפ איז ווייטער בנין זופניק, דאס איז געבליבן פאר אים א זכות לנצח נצחים.

ווייסט וואסערע זכות דאס איז אז קינדער זיצן און לערנען אין די בנין וואס דו האסט מנדב געווען? זייער קלוג טוסטו אז דו געבסט דיין געלט פאר גוטע פלעצער".

# א מעשה
## פון א צדיק



### שָׁלוֹם בַּיִת בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

צוּם הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק פַאר אַ דִין תּוֹרָה נָאךְ אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר לֶעבְּן צֶעזַאמֶען. זֵיי הָאבְּן קַיין קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ נִישְׁט גֶעהַאט, הָאבְּן זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ גֶטְ'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער מַזָל זֵיי בְּרֶענְגֶען אַז בֵּיידֶע וֶועלְן נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַנְדֶערֶע וֶועלְן זֵיי הָאבְּן קִינְדֶער.

נָאר וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי דִין תּוֹרָה? אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמֶעגְלִיךְ מִיט פַּרְנָסָה דֶער מַאן הָאט גֶעהַאט אַ פַאבְּרִיק, אוּן צְוִוישְׁן זֵיי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם וֶוערְטֶער אִיבֶּערְטוֹיש, דָאס הֵייסְט פוּן זַייט זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, נָאר גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם. "אִיז וָואס אִיז דִי דִין תּוֹרָה?" - פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

זִי הָאט גֶעטַעֲנֶה'ט אַז דָאס פַאבְּרִיק זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים, עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אַ קְלָארְן קָאפּ; אוּן עֶר הָאט גֶע'טַעְנֶה'ט, נֵיין! דָאס פַאבְּרִיק זָאל זַיין וַוייבּ נֶעמֶען, וָוארוּם עֶר וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם פַאבְּרִיק, אוּן זִי נֶעבֶּעךְ וֶועט בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט, זָאל זִי כָאטְשׁ הָאבְּן פוּן וואו צוּ נֶעמֶען פַּרְנָסָה. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער פַאבְּרִיק וֶועט בְּלַייבְּן פַאר עֶנְק בֵּיידֶע, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן, אִיבֶּער אַ יָאר אִין דִי צַייט וֶועט אִיר הָאבְּן אַ בֶּן זָכָר". אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס קְרִיגְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּן זֶענֶען גֶעדוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן.

(אשר בנחל אידיש חלק א׳ מכתב ח׳)



# דעם הֵיילִיגְן רַבִּינ'ס
# לֶעבְּנסגֶעשִׁיכְטֶע

| פארזעצונג |



**- י"א -**

**פארזעצונג פון פריער:** זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ, עֶר אִיז כְּסֵדֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אֲפִילוּ בַּיים סוֹף פוּן זַיין הֵיילִיג לֶעבְּן, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה.

***

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם אַז ס'אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן צוּפִיל אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן מְדַקְדֵק זַיין אִין יֶעדֶע זַאךְ בַּיים לֶערְנֶען, נָאר מְ'זָאל לֶערְנֶען פָּשׁוּט אוּן שְׁנֶעל אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, נִישְׁט פְרֶעגְן קַשְׁיוּת פוּן אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס מְ'לֶערְנְט, זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט שְׁטֶעקְן נָאר גֵיין וַוייטֶער, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט מֶען דָאס שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ רוּקְן וַוייטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיים לֶערְנֶען דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִין דִי רֵייעֶ, אוּן מְ'וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא פַארְשְׁטֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר וֶועט נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער בִּיז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶעם שְׁטִיקְל, דַאן וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט אוּן בִּכְלַל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. מְ'דַארְף נָאר אַרַיינְלֵייגְן דֶעם קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דֶעם וָואס מְ'לֶערְנְט, אוּן פָּשׁוּט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין מְמֵילָא אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיב הָאט מֶען יֶעצְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען עֶפֶּעס, וֶועט מֶען עֶס שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין, אוּן אֲפִילוּ ס'וֶועט זַיין זַאכְן וָואס מֶען וֶועט שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל דִי חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען אוּן אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ תּוֹרָה שְׁטֵייגְט אַלֶעס אִיבֶּער.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה י"ט.) "וְאָמַר רָבָא לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִילִים קי"ט, כ') גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה, גָּרְסָה כְּתִיב וְלֹא כְּתִיב טָחֲנָה" - אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט שְׁנֶעל, וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אִיבֶּערְגֵיין אַסַאךְ מָאל דִי אַלֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, עֶר וֶועט זֵיי עֶנְדִיגְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר שׁוֹין מְמֵילָא פַארְשְׁטֵיין דִי צְוֵייטֶע אוּן דְרִיטֶע מָאל אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם, ס'שְׁוֶוער אַלֶעס אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן, דָאס אִיז אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה אוּן אַ גוּטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן עֶר וֶועט עֶס נָאךְ בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין וִוי אֵיינֶער וָואס לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק בְּעִיּוּן אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶעדְן שְׁטִיקְל בַּאזוּנְדֶער.

דָאס לֶערְנֶען מִיט צוּפִיל עִיּוּן צֶעמִישְׁט זֵייעֶר דֶעם מֶענְטְשׁ, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעוָואלְט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס קְלָארְקֵייט, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט. וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אָבֶּער דֶעם וֶועג אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה מִיט אַ שְׁנֶעלְקֵייט פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, דַאן וֶועט זִיךְ דִי תּוֹרָה הַאלְטְן בַּיי אִים, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, גְּמָרָא אוּן פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ אוּן מִדְרָשִׁים, סִפְרֵי זוֹהַר אוּן קַבָּלָה, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.




פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גענומען פון ספר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס פרשת וירא - תשפ"ג

**שלום אלי' אינדיג דערציילט:** שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו זיין שבת אין וויליאמסבורג, איך האב ממש געשפירט וואס דער רבי זאגט (ספר חיי מוהר"ן - אות רצז) הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת.

### אינוועטעישנס

איך בין ארויפגעגאנגען צום באטע פון דער ראש ישיבה שליט"א, דער ראש ישיבה האט מיך אנטפאנגען מיט א ברייטהארציגע "מזל טוב" צום געבורט פון מיין אינגל בעבי.

מ'האט געהאלטן אינמיטן רעדן פון אינוועטעישנס (חתונה הזמנות) אז אין די נייעס איז געווען באריכטעט אז מ'וויל מבטל זיין די גאנצע זאך פון פאסט, און מאכן אלעס אויף עלעקטראנישע פאסט, האט דער ראש ישיבה חוזק געמאכט: "אויב איז מען מבטל די פאפירענע פאסט, ווי אזוי גייט מען קענען מקיים זיין די מנהג ישראל פון שוקן אינוועטעישנס?... אפשר גייט מען דינגען א פערד און וואגן וואס זאלן ארום טראגן די אינוועטעישנס...

### לערנט פלייסיג אויפ'ן דרך הלימוד

דער ראש ישיבה האט געבעטן הבחור המפיץ מרדכי לייב נרו יאיר זאל זינגען א שבת'דיגע ניגון וואס איז לעצטנס ערשינען פון א געוויסע זינגער, ער האט געזאגט אז ער געדענקט נישט אזוי גוט די ווערטער, מיט דער אלעם האט אים דער ראש ישיבה געבעטן עס צו זינגען, האט ער אנגעהויבן זינגען ביז ער האט נישט געדענקט די ווערטער ווי אזוי ס'גייט ווייטער, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "פאר מרדכי לייב איז אריינגעקומען אין ישיבה האט ער געקענט אויסעווייניג יעדע ניגון וואס איז ארויסגעקומען, יעצט לערנט ער אזוי פלייסיג אויפן דרך הלימוד, ער ענדיגט יעדן חודש משניות, תיקוני זוהר און ליקוטי מוהר"ן, ער איז שוין צו פארנומען צו זיך איינ'חזר'ן אלע נייע ניגונים..."

### נעם די שיעורים פאר דיר

רעדנדיג פון זינגערס האט זיך א בחור אנגערופן א געוויסע נעגעטיווע זאך אויף אן אנדערע בחור וועגן דעם ענין, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו דער בחור און אים געזאגט: "זיי נישט פארנומען מיט א צווייטן, נעם די שיעורים פאר דיר."

### הפצה קענדי

מ'איז אריין אין א שמועס פון הפצה, דער ראש ישיבה האט איינעם געפרעגט וויפיל משפחות וואוינען אין די שטאט וואו ער וואוינט, האט ער געענטפער צען טויזנט משפחות, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "צען טויזנט משפחות איז נישט אסאך, דו קענסט אנקומען צו יעדן איינעם, דו קענסט זיי אלע צוריק ברענגען צום אייבערשטן".

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט געשריבן אסאך בריוון צו די בחורים אין ארץ ישראל אז זיי זאלן נישט קומען קיין אמעריקע, ווייל די גאנצע הפצה אין ארץ ישראל איז געגאנגען שלאפן, זיי זאלן בלייבן אין ארץ ישראל און פארשפרייטן די ספרים.

דער ראש ישיבה האט דערציילט: "הבחור המפיץ אלחנן זויבערמאן נרו יאיר פון ירושלים האט מיר געשיקט אן אימעיל, אז סוף וואך גייט ער מיך שיקן אן הפצה קענדי, ער האט מיך געמאכט זייער נייגעריג, איך האב געמיינט ער גייט מיך שיקן וויפיל ער האט געלערנט, צו עפעס ענדליך, ביז סוף וואך האב איך באקומען פון אים א צען מינוט'יגע ריקארדינג פון אלע בחורים וואס זיי האבן אלץ עסק געווען אין הפצה."

### עסן דרך ארץ'דיג

דער ראש ישיבה האט ארויפגעשיקט פאר יעדן איינעם די פאטעיט"א טשיפ"ס לכבוד שבת, און דער ראש ישיבה האט געזאגט שטרענג פאר זיין זון: "מ'עסט מיט א צוגעמאכטע מויל."

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "איך וויל נישט פארשעמען די בחורים וואס עסן אזוי, שריי איך אויף דיך, עכט מיין איך זיי." און דער ראש ישיבה דרייט זיך אויס צו א בחור און זאגט אים די זעלבע זאך.

שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו זיין ביי די הערליכע באטע.

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### אברהם צוויבל - קרית ברסלב:

האט נאכגעזאגט א שיין ווארט פונעם דיין שליט"א: עס שטייט אין גמרא אז ר' עקיבא האט פארגעלערנט פאר זיינע תלמידים און אינמיטן זענען זיי איינגעשלאפן, האט ר' עקיבא זיי געוואלט אויפוועקן האט ער זיי געזאגט, דאס וואס מען זעט אז אסתר המלכה האט זוכה געווען צו קעניגן אויף 127 מדינות, דאס איז ווייל שרה אמינו האט געלעבט 127 יאר.

וואס האט דאס אז שרה אמינו האט געלעבט 127 יאר מיט דעם אז אסתר האט געקעניגט אויף 127 מדינות? האט דער דיין שליט"א זייער שיין מסביר געווען, ר' עקיבא האט געזען אז זיינע תלמידים שלאפן איין, זיי ווערן אלט, זיי פארלירן זייער חיות, האט ער אנגעהויבן צו רעדן צו זיי אז א מענטש טאר נישט ווערן אלט, אזוי ווי מען זעט ביי שרה אמנו אז זי איז געווען פריש איר גאנצע לעבן, אפילו זי איז געווען הונדערט יאר איז זי געווען יונג אזוי ווי ביי די צוואנציג און ווי ביי די זיבן.

און דאס איז אויך די לימוד פון אסתר המלכה, ווייל אז מען האלט זיך פריש, איז מען בכח צו געוועלטיגן אויף די גאנצע וועלט.

### אליי פערל - קרית ברסלב:

האט נאכגעזאגט א שיין ווארט וואס מו"ה יואל שניטצלער הי"ו האט געזאגט שבת אין בית המדרש עצתו אמונה, מען זעט ביי יעקב אבינו ווען ער האט געזעהן אז עשו לויפט אים נאך איז ער געלאפן זוכן א שידוך, און ער איז געלאפן לערן תורה. דאס איז מרמז אז דאס זענען די צוויי עצות קעגן דעם יצר הרע, ווי מוהרא"ש פלעגט אלס זאגן אז די איינציגסטע עצה קעגן דער יצר הרע איז חתונה האבן, און ביזדערווייל, א מענטש זיכט א שידוך און עס גייט אים נאכנישט, איז דערווייל די עצה אז ער זאל לערנען תורה.

דאס זעט מען דא ביי יעקב אבינו יעקב איז אנטלאפן פון עשיו פונעם יצר הרע זוכן א שידוך, און דערווייל ביז ווילאנג ער האט געטראפן א שידוך איז ער אנטלאפן צו די תורה.

### שלמה רוטה - קרית ברסלב:

געבט איבער א טייער ווארט, מען זעט אז יעקב איז געשטראפט געווארן, מען האט פארכאפט זיין טאכטער דינה, דאס איז געווען א שטראף ווייל ער האט באהאלטן דינה פון עשיו, ווייל אויב וואלט ער געגעבן זיין טאכטער פאר עשיו אפשר וואלט זי אים צוריקגעברענגט צום אייבערשטן.

שטעלט זיך א מורא'דיגע קשיא, פארוואס עפעס דא האט זיך אנגעפאנגען די טענה אויף יעקב אז ער האט נישט מקרב געווען עשיו, מען קען דאך שטראפן יעקב פאר אלע זיינע יארן וואס ער האט נישט גערעדט מיט עשיו און אים מקרב געווען, פונקט דא ביי דינה קומט ארויס צום אויבערפלאך אז ער האט נישט מקרב געווען עשיו?

פון דעם זעט מען אז דו קענסט רעדן און מקרב זיין און מחזק זיין א מענטש צוואנציג דרייסיג פערציג יאר, עס איז גארנישט ווערד, אויב האלטס פון אים צוריק א שידוך. אהה! דאס איז שוין עפעס א ערנסטע זאך, אז דו געבט א שידוך פאר א מענטש דאס איז די וועג ווי דו קענסט מקרב זיין א מענטש צום אייבערשטן.

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

**דירות אין שטעטל פאר שבתים**

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בירנבוים – 347-549-5625

**KB HEALTH**

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.



The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com

**Heel & Toe**
845-434-4980
For All Your Hosiery Needs

Open all Year in Fallsburg
Fully line of tights, socks, hats, gloves, for the whole family
snoods and tichels and much more
Open every night 8-10
Call 845-428-2481 for other hours

FREE DELIVERY

**HURLEYVILLE LEASING**

*Your dream car, ...just a phone call away!*



sales@hurleyvilleleasing.com www.hurleyvilleleasing.com
845-720-0041

Baby Gemach

Car seats, pack & play, twin carriage, single stoller and more

Call Birenbaum
**347-543-8313**

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודה שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

LOUNGE
computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

## קרית ברסלב ספרים סטאר

51 Twin Bridge Liberty NY

מיר צעגען גרייט מיט אלע חנוכה אייטעמס,
פאר די גאנצע משפחה, פון גרויס ביז קליין.
מנורות arts & crafts און דאס גלייכן

SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

Sunday to Thursday

10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30.

Friday is closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 child. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line 845-206-9114 your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager 845-720-0847

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!

KB GROUP
property management
and construction team

מיר גרייטן יעצט אן די ליסטע
פאר די וואס ווילן מען זאל שארן
דייער שניי דעם קומענדיגן ווינטער
סעזאן.
זייך איינצושרייבן
רופט 845-637-5367

עס איז זייער וויכטיג צו לייגן די ריפלעקטאר
שטעקלעך כדי מען זאל ווייסן וואו צו שארן.
מיר קענען דאס לייגן פאר אייך.



LILAC
ELECTROLYSIS
WITH A GENTLE TOUCH

IN THE MOUNTAINS

FAIGY STEINMETZ
NYS CERTIFIED & LICENSED
5 ROYCE ST.
MONTICELLO, NY 12701

FOR AN APPT. CALL:
845.422.5783

# ווער ווייסט?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך.

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**



# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

טַייעֶרע קִינְדֶער, פָּארִיגֶע מָאל הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ טְרָאסְטִינֶעצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווען עֶר אִיז גֶעפָאהְרֶן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי שְׁרֶעקְעדִיגֶע חַיָּ' וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אַנְטְקֶעגְן דִי שִׁיף, דִי וָואךְ ווֶעלְן מִיר דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער:

דֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן שִׁיף פָּארְנְדִיג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַאר'ן נִפְטָר ווערְן הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וָואלְט מַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוּדְל גֶעוֶוען מִיט מִיר דָא אוֹיפְ'ן שִׁיף - וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט נִפְטָר ווערְן דָא אוֹיפְ'ן שִׁיף".

קִינְדֶער, אִיר ווייסְט ווער רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוֶוען? רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ הָאט גֶעבֶּעטְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שִׁיף: "גְלַייךְ ווען אִיךְ ווֶעל נִפְטָר ווערְן זָאל מֶען מִיךְ לֵייגְן אוֹיף אַ בְּרֶעט אִין וַואסֶער"; אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן, ווען דֶער צַדִּיק אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שִׁיף גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן גוּף אוּן אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן וַואסֶער אוֹיף אַ בְּרֶעט.

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַ שַׁיין פוּן פַייעֶר גֵייט אַרוֹיף בִּיזְן הִימְל, זֵיי קוּקְן גוּט אוּן זֶעעֶן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַ פַייעֶר זוֹיל גֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן גוּף פוּנֶעם צַדִּיק בִּיזְן הִימְל, דֶער בְּרֶעט אִיז גֶעשְׁווּימֶען בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בָּארְטְן.

נִישְׁט ווַייט פוּן יַם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט, דָארְט הָאט גֶעווֹאוֹינְט אַ חָכָם וָואס הָאט גֶעלָאזְט צַוָּאָה מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים, אוֹיסֶער אֵיינֶעם זָאל מֶען לֵייגְן נֶעבְּן אִים, ווען עֶס ווֶעט קוּמֶען צוּ שְׁווִימֶען אַ נִפְטָר מִיט אַ פַייעֶר זוֹיל בִּיזְן הִימְל - זָאל מֶען יֶענֶעם בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים.

יֶעצְט ווען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט הָאבְּן גֶעזֶען דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, ווִי עֶס קוּמְט צוּ שְׁווִימֶען אַ נִפְטָר מִיט אַ פַייעֶר זוֹיל בִּיזְן הִימְל, זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם נִפְטָר, אוּן מֶען הָאט בַּאעֶרְדִיגְט דֶעם צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ נֶעבְּן יֶענֶעם חָכָם.



דִי פַייעֶר זוֹיל גֵייט פוּנֶעם נִפְטָר בִּיזְן הִימְל

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן גֶעבֶּעטְן: "זַייט מְקָרֵב מַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַייךְ"; דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָויל אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן, זַיינֶע קִינְדֶער; זַיינֶע זִין, בִּפְרַט זַיין אֵיידֶעם דֶער צַדִּיק רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

טַייעֶרע קִינְדֶער, וָואס נֶעמֶען מִיר אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע צַדִּיקִים וָואס ווייסְן אַלֶעס אוּן קֶענֶען אַלֶעס, ווִילְן אַז זֵייעֶרע קִינְדֶער זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן, ווַייל זֵיי ווייסְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן; מֶען בַּאקוּמְט אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִינְגֶען: "טַאטֶע אִיךְ ווִיל נָאר דִיר, טַאטֶע אִיךְ דַארְף נָאר דִיר, טַאטֶע אִיךְ ווִיל נִכְלָל ווערְן אִין דִיר".

# מַעֲשׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

בלימי אינדיג תחי' פון וויליאמסבורג פארציילט:
איין טאג בין איך געגאנגען שלאפן שפעט, איך האב זייער שטארק געוואלט אויפשטיין פרי.




# נאָך וועֶם
# הֵייס אִיךְ?

**איך הייס:** אדל שטיינבערג – קרית ברסלב

**נאך:** די טאכטער פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו

## אביסל איבער איר

איינמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב געפארן מיט זיין טאכטער אדל אויף א שיף, פלוצלינג האט די שיף זיך אנגעהויבן צו שאקלען, ס'האט אויסגעבראכן א שטורעם ווינט, און דער קאפיטאן האט אויסגערופן אז יעדער מוז ארייינווארפן זיינע פעקלעך אין וואסער, האט דער בעל שם טוב געזאגט פאר זיין טאכטער אדל: "אדער ווארף איך אריין אין וואסער די אלע חידושי תורה וואס איך האב מחדש געווען, אדער ווארף איך דיך אריין אין וואסער", האט זי געזאגט פאר איר טאטע: "ענדערש ווארף אריין די ספרים אין וואסער, וויל פון מיר וועט ארויסקומען א צדיק וואס זיינע ספרים וועלן צוריקברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן".

מען האט טאקע אריינגעווארפן אלע חידושי תורה, און פון איר איז ארויסגעקומען אזא הייליגע רבי וואס האט ארויסגעגעבן גאר שיינע חידושי תורה וואס איז מחי' נאך ביז יעצט יעדן איד איבער די גאנצע וועלט.

איך האף איך וועל אויך האבן קינדער וואס וועלן קענען צוריק ברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן.



אויפן בילד:
"ציון הבעל שם טוב הקדוש זי"ע אין מעזיבוז"

# טרעף

## די פֿאָלגנדע ווערטער

## דע, שעיקר התחברות ודביקות השי"ת הוא על ידי התפילה.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ת | א | ה | ת | ט | צ | ט | ס | ה | ג | ו | כ | צ | ש | ע | ה | ת | ו | ע | ו | א | ל |
| צ | ד | ו | ד | ה | ט | ת | ג | ה | ט | מ | כ | ק | כ | ב | ת | ת | כ | ק | כ | ג | מ | ד |
| ס | ר | ר | נ | ג | ו | ב | ו | ב | פ | ט | ס | ז | ג | י | ע | ו | ו | נ | ש | ד | ע | נ |
| ט | ו | י | מ | ר | ק | א | ד | י | ד | י | ע | פ | ז | פ | כ | כ | ק | ס | ד | ש | ב | ג |
| נ | צ | א | ב | ק | ח | ב | ז | ש | ר | מ | ח | ח | ע | א | ב | ר | ע | י | ת | י | ש | ה |
| ל | כ | ח | ר | ס | כ | נ | י | ד | ה | ג | ט | ע | א | ז | ס | ו | י | פ | ב | ל | נ | ע |
| פ | ת | כ | י | ל | ס | כ | ק | ה | ב | נ | ש | ע | ז | ט | י | ג | ס | ח | ע | ד | ר | ח |
| ה | ה | ס | ו | א | ת | ו | ק | ו | נ | כ | ש | נ | ק | נ | ק | כ | ג | ט | מ | ג | ו | ק |
| ס | ת | ז | י | ר | פ | ת | ל | ע | ג | ב | ש | ה | ת | ב | ט | ט | ח | א | ע | מ | ג | ה |
| ת | פ | כ | ז | פ | ח | ש | ק | ס | ו | ע | ט | י | ע | ו | פ | צ | ק | ק | א | ר | ע | י |
| ה | י | ל | מ | ו | צ | ד | צ | ר | י | ב | כ | ו | ג | כ | ה | נ | א | ט | ר | מ | ה | ו |
| י | ל | ט | צ | ת | מ | ג | ח | ק | צ | ל | ד | נ | ת | ד | ס | ה | ס | ח | ע | י | כ | נ |
| ר | ה | צ | ח | א | ה | ג | ר | ר | ר | ז | ט | נ | מ | ח | ת | ט | ז | ח | נ | ע | ל | ר |








העלף נחמן נתן אנקומען צו צוגרייטן די זמירות הדלקת נר חנוכה



# שיעור מיטן רבי'ן

## א

## אמת

**מט.** מִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ וְדוֹבֵר תָּמִיד אֱמֶת, כְּאִלּוּ עָשָׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ וְאֶת הַיָּם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר בָּם.

**טייטש.** וֶוער עֶס הִיט זִיךְ און רֶעדְט אַלֶעמָאל נָאר דֶעם אֱמֶת, אִיז אַזוֹי ווִי עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי הִימְל און עֶרְד, דִי יַמִים מִיט אַלֶעס וָואס אִיז אִין זֵיי.



# חידות

## אפטיילונג

**די הייליגע חכמים זאגן: דער אייבערשטער זאגט, אויב זענט איר מכבד די עלטערן - איז דאס אזוי ווי..**

א. מען איז מקיים געווען די גאנצע תורה

ב. איר זענט מיך מכבד

ג. היטן שבת

ד. מכבד זיין א צדיק

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** די הייליגע חכמים זאגן: ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך צו לערנען די הייליגע תורה, רעכנט אים דער אייבערשטער

**ענטפער:** ווי ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**שיינדל יאקאבאוויטש תחי' - בלומינגראוו**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 6 | | | | 2 | 1 |
| | | 3 | | | |
| | | | | | |
| 2 | | | 6 | 4 | |
| | | 4 | | 1 | |
| | | | 5 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 3 | | 5 | | 1 | | 7 | |
| 7 | | 6 | 3 | 9 | 2 | 4 | | 1 |
| | 1 | | | 8 | | | 5 | |
| 1 | 2 | | 6 | | 7 | | 9 | 4 |
| | 7 | 3 | | | | 1 | 6 | |
| 4 | 6 | | 2 | | 8 | | 3 | 7 |
| | 8 | | | 7 | | | 4 | |
| 3 | | 7 | 4 | 2 | 5 | 6 | | 8 |
| | 4 | | 8 | | 9 | | 2 | |

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת ויצא?

## פון אויבן אראפ.

1. די צוויי זאכן, שמחה און שלום, ברענגען די _____ אין שטוב
2. אז דו וועסט זיין _____, וועסטו זייער מצליח זיין
4. מיט _____ קען מען אלעס באקומען
6. ווען מען ווערט אליינס א מאמע, און מען קען קוים _____, דעמאלט כאפט מען זיך
7. אויב איר וועט זיך _____ צוזאמען און דאווענען צוזאמען, וועט איר מיר קענען ממשיך זיין
9. _____ פאר אייערע אויגן, אייער נאז, אויערן און מויל, הענט און פיס, און אזוי ווייטער
10. זאלסט זיך נישט _____ מיט קיינעם
11. איידער דו גייסט שלאפן זאלסטו ליינען _____ _____
13. בלייב מיט די _____ פון דיינע עלטערן
14. נישט נוצן די צינג צו _____ און פליקן
16. וואס מען בעט דעם אייבערשטן, _____ מען

## פון רעכטס צו לינקס.

3. אלע _____ האבן זוכה געווען צו ווערן צדיקים, ווייל זיי האבן זיך גע׳עקשנ׳ט צו בלייבן ביים אייבערשטן
5. עס איז זייער הארב און א גרויסע סכנה אז מען זעט ארויס די _____ פון א פרוי
7. ביי מוהרא״ש איז געווען _____ די ערשטע, די לעצטע, די מיטלסטע און די גאנצע זאך
8. _____ זיין טאטע מאמע, איז פון די הארבסטע מצוות
12. שרייבט אייך אראפ א ליסטע פון אלעס וואס דער _____ טוט גוטס
15. ווי פריער מען קען יענעם געבן א _____ _____, איז דאס די גרעסטע זכות
17. מיט תפלה מיט באקומט מען יעדע _____
18. היכל הקודש איז א פלאץ וואו מען איז מחזק צו _____ און _____



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער
## אפטיילונג




מלוה מלכה אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א - מוצאי שבת ויצא







קרעדיט: וואלוי זעלקאוויטש


קרעדיט: וואלוי זעלקאוויטש

אבות ובנים אין בית המדרש מקור השמחה - מוצאי שבת ויצא


קרעדיט: וואלוי זעלקאוויטש

אבות ובנים אין בית המדרש מקור השמחה - מוצאי שבת ויצא



קרעדיט: יענקי פ׳יש

גליונות האלטער ארויסגעלייגט אינדרויסן פון בית המדרש היכל הקודש בארא פארק


קרעדיט: אברהם הערש

אליעזר שלמה און נחמן יואל וועבערמאן נ״י האבן אויפגעשטעלט מיט קליקס די לייטער פון יעקב אבינו



קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

טלית בייטל פאר בית המדרש פעולת הצדיק



קרעדיט: יצחק פאפענהיים

נייע הפצה קארטלעך געדרוקט אין ירושלים עיר הקודש

## אבות ובנים אין בית המדרש היכל הקודש באראַ פארק מוצש"ק ויצא


קרעדיט: יענקי פ׳יש


קרעדיט: יענקי פ׳יש


קרעדיט: יענקי פ׳יש


קרעדיט: יענקי פ׳יש


קרעדיט: יענקי פ׳יש


קרעדיט: יענקי פ׳יש


קרעדיט: אליעזר שמן

לחיים פון החתן נחמן יואל נ"י בן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו עב"ג מו"ה יצחק אביש הי"ו - ג' ויצא


קרעדיט: יוסי פּרערויא

ברוך רופא חולים: אין א טאנץ מיט מו"ה יוסף יאקאבאוויטש הי"ו נאכן ארויסקומען פון שפיטאל